STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11228

HASIMES HAODEM VEHAMENTSHHAYT

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין

חתימת האָדם והמענטשהייט

(אין אָפּגרונט פון פעלקער און צייטן.)

▼

ב ו ע נ אָ ס   א י ר ע ס

1 9 4 8

ביכער פון משה גראַניטשטיין

פּאָעזיע.

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.
שיר השירים, אשר לגראַפּאַמאַניע. (מרוידאַד־באַלאַדן.)

עסייאיסטיק און פּובליציסטיק.

פון תהום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.
טעאַטער — אוניווערס. (פּסיכאָאַנאַליטישע רעוואָלאַציעס פון דער מענטש־אימפּעריע.)

דערציילונגען און נאָוועלן.

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?
פון ביידע זייטן בריק.
די וואַנטורעס פון חבר האַמערל.
באַם וואָגזאַל.
באַשעלע. (אַ קינדער־נאָוועלע.)
מענטשן פון באַגינען.
צוריק צום געטאָ. (אַ פּייער־פּראָבע.)
דער סאַלטעראַ. (אַ זאַמלונג.)
פאַרשאָלטענער זאַפּט.
האַרבסט־בלעטער. (אַ זאַמלונג.)
דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע נע־שיכטע.)
די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)
נאָראַ. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)
איך — די קלאַאַקע פון אידעאַל. (אַ געשיכטע פון יונג און אַלט.)

בילדער פון אַפּגייענדן שטעטל.

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע.

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)
קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.
פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט. (אַ פּאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע ארומזוכער.)
חתימת האָדם והמענטשהייט. (אין אָפּגרונט פון פעלקער און צייטן.)

טרילאָגיע: פופציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע.

באַלוואַנעווקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
מסעות פליגלמאַן. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
על חטא שחטאָתי בראַטנפּאַרבאַנד. (ראָמאַן, אין דריי טיילן.)

מעמואַרן.

ליבאָוויטש, און די וועלט. (אַ שפּיגל־בוך פאַר דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ.)

איינזאַמלונגען.

אומעט. (אַנטיסאָציאַלע לוסט־געשיכטן.)
די מענטש־סימפאָניע. (פּאַראַדאָקסן, אַפּאָריזמען, עסייאיזמען.)
מענטש — אוניווערס. (עסייאיזמען, אַפּאָריזמען.)

מוט צום אונטערגאנג.

א י י ב י ק

איך האָב פיינט פיינע לייט, וואָס „שפּריכן איידעלע" רייד —
בעת דאָס לעבן אַליין איז אַזוי ווילד און ברוטאַל;
און הינטער איטלעכנס שמייכל, הינטער אַלעמענס קלייד,
פינקלט, אין לויער — דער פאַרסאַמטער קינזשאַל.

אָ, איך האַס פיינע לייט, מיט איידל־געפּאַטשקעטע רייד —
בעת פון דזשונגל אין יעדן ברומט אַרויס — אַנימאַל;
און אונטער איטלעכן מענטש־בוים, אין אַלעמענס אינגעווייד,
לוסט־צאַפּלט, אין יובל — דער מאָרד־וואַקכאַנאַל.

און כאָטש אייביק וועט מענטש דעקלאַמירן, אַזוי שיין —
פון ליכט און פון גליק און פון ברודער־אידעאַל, —
וועט אייביק דער וואָלף אין אים שטשירען די ציין;
וועט אייביק אַרויסוואָיען פון זיין לייב דער שאַקאַל.

און כאָטש גאָרנישט פון מענטשלעכן לעבן פאַרגייט,
און אייביק וועט שיינען זיין זון — אַזוי העל, —
וועט אייביק אין אים נאָכגיין, אין פאַטאַלן באַגלייט —
דער בלינדער, דער פינצטערער בלוטיקער רעבעל.

און כאָטש אייביק וועט דיכטער — אַזוי פלאַמיק־צעהעלט —
באַזינגען דעם זיג פון מ ע נ ט ש - א ו נ י ו ו ע ר ז , —
וועט אייביק אים נאָכקרומען, כיטרע־פאַרשטעלט —
דער בייזער־איראָנישער־גאַליקער פערז:

אַז... אומזיסט איז דער קאַמף, די אייביקע שלאַכט,
דער שאַל פון טריומף, דאָס געזאַנג;
בעת — נ אָ ך יעדן שלאָס, וואָס מענטש האָט צעקראַכט, —
קריכט אַפער — די אייביקע שיפּענדע שלאַנג.

...און ווען מענטש טוט זיך וואַרפן צו איר, מיט געשריי —
צעשמעטערן גרייט — בעסטיעס געשטאַלט!, —
בלייבט ער גלייך אָפּגעליימט — פ א ר ן ב י ל ד ד אָ ר י א ן ג ר יי,
וואָס שפּעט אים אין צורה — אַזוי שרעצ'דיק־אַלט...

אַזוי, וועלן אייביק זיך־באַגלייטן: זיין טאָג — מיט דער נאַכט,
זיין לויב — מיט דעם רויב, זיין דראַנג — מיט דעם באַנג;
ווי אַלעם זאָל שלאָגן פון איין בלוטיקער טראַכט;
אַ, ווי אַלעם זאָל אייביק־צאַפּלען — צוריק, צו פאַרגאַנג.

און אויב פרייהייט דעם מענטש איז דאָך ווען באַשערט, —
וועט פריי פלום קינזשאַל — בלייבן אייביק זיין דעוויז;
און בעת איין האַנט וועט האַלטן דאָס בייז אויסגעקערט, —
וועט די אַנדערע אייביק גרייפן — זיין דראָענדן שפּיז.

די מאַסע און א י ר ע פירער.

די מאַסע — וואָס מער זי שטעלט איינעם העכער פון זיך — אין איר פרענעטישער צו אים פאַרערונג, — אַלץ מערער דערוויטערט זי יענעם פון זיך, זי קאָן אים נישט פאַרטראָגן, זי שליסט אים אויס פון איר מיט: כדי צו קענען אַנגיין אַליין, מיט איר אייגן לעבן — פריי אומ-געשטערט — א ז ו י , ווי ז י באַגערט, ווי זי אַנערקענט — אז עס האָט די ווערט צו לעבן; און נישט, ווי דער פאַרערטער וויל פון איר האָבן...„... — דיר אָפּגעגעבן דיינס, — איצט — גיי! לאָז געמאַך! שטער נישט לעבן — אַנדערע!...”

און קוים וועט י ע נ ע ר דאָס נישט וועלן איינזעען, (מסתמא, ווייל ער קען נישט אַנדערש;) און — אַ טיף-געריַרטער, אויס דאַנקבאַר-קייט צו דער אים-פאַרערנדער מאַסע, — וועט ער באַשטיין ווייטער אויף זיין באַרוף — איר צו באַשענקען, באַגליקן איר מיט זיין וויסן, — אַ, דאַן וועט זי זיך פּלוצים אָננעמען מיט מוט, די העלדישע מאַסע; און זי וועט אים, מיטיינמאָל, טון דערהויבן צו אַזאַ הויך, — פונוואַנען נאָר געטער קומען צוריק; און דאָס — נאָר דאַן, ווען מע רופט זיי:

— זי וועט אים, גאַנץ איינפאַך — קרייציקן...

די מאַסע ליבט דעם מאַרטירער דערפאַר: ווייל ער האָט איר געלאָזן צורו — ער איז אוועק.

און ווי וועט עס זיין צו יענעם פאַרהייליקט-געוואָרענעם מאַרטי-רער אין די אויגן פון דער מאַסע — ווען עס שטעלט זיך, גאַנץ-אומגע-ריכט, אַרויס: אַז די לעגענדע וועגן זיין אומקום ווערט באַדראָעט — דורך אים אַליין: ווייל ער קערט אום צוריק צום לעבן...

ווי וועט עס זיין צו אים — דעם אָרעמען לץ!..

מיט זיין צוריקקער, — איז ער עלול צו צעשטערן אין דער מאַסעס געמיט — אַלע אירע נאָבלסטע איינשטעלונגען וועגן ליבע, זעלבסט-אויפאָפּפער און דערהויבונג; איז ער מסוגל איינצוּוואַלגערן, מיט איין מאָל, די איינגעפעסטיקטע זיילן פון איר וועלט; איר זין; דראָעט ער איבערצודרייען די געהירן פון איר קאָפּ, אָנמאַכן דאָרט אַ וויסטע חשבונות!..

— נו, איז אַ רבותא: וואָס — אַן אומזיניק-צעיושעטע, — וועט זי זיך, איצט, וואַרפן אויף איר — בלוטיקסטן שונא; מיט דער בעסטיא-לישסטער אכזריות — אים שענדן-פאַרלענדן?!.

— אָרעמער מאַרטיר פון לעבן: וועלכער האָט, איין רגע, געגלויבט אין זיינע גלויביקע..

ערשט — נאָכדעם, ווי זיי האָבן אים פאַרלענדט, — קערט אַלעס צוריק ווידער, אין זייער געמיט — אויף זיין אָרט; ווערט אויסגעלייטערט

ווידער באַ דער מאַסע — אין איר מוח... דאַן דערזעט זי אים, ווידער, דעם פאַרפייניקטן — מ אַ ר ט י ר, ווי געווען. במילא: קערט אום צו אים צוריק, ווידער — א י ר ל י ב ע, ווי געווען... ווייל: פון האַס צו ליבע, באַ דער מאַסע (פונקט, ווי פאַרקערט,) איז דאָך, כידוע — בלויז איין שריט.

כל הגדול מחברו, יצרו גדול הימנו.

די באַזע פון גרויסקייט איז דער טייוול. מענטשן מיט אומבאַ־דייטנדע ליידנשאַפטן זענען, בכלל, גאָרנישט ווערט.

יעדער הייליקער איז, פ אַ ר אַלעמען, אין זיין גרונט — אַן אויסוואורף, אַ גרייזלעכע ווילד־צעבושעוועטע בעסטיע. (נישט אומזיסט האָבן אַלע הייליקע, אָן אויסנאַם, דעם אויסזעען פון די געפערלעכסטע זוויערעס.) ער לאָזט איר אָבער נישט, דער בעסטיע, אויפהויבן דעם קאָפּ — אין דעם באַשטייט זיין כוח און זיין פאַרדינסט. ער איז צו איר שטרענג, ווי אַ טיראַן. ער פייניקט איר (זיך), אָן רחמנות. און ער האַלט אָן איבער זיך — אַ שאַרף־דיסציפּלינירטע דיקטאַטור. קומט אים, דערפאַר, זיין געהעריקער לויב.

ביטער ווערט אָבער: ווען ער גייט איבערשרייטן די אייגענע גרע־ניצן, און ער נעמט פּרעטענדירן אָנצואווענדן די זעלבע גרעניצלאָזע אכזריות — לגבי אַנדערע: וועלכע זענען, אפשר, גאָרנישט אַזעלכע אויס־וואורפן, ווי ער; וועלכע זענען, בכלל, שטילע מעסיקע לייט, וואָס האָבן זיך, קיינמאָל — מיט גאָרנישט, מיט עטוואָס עקסטרעמעס דיסטינ־גירט...

און דאָ קומט צום אויסדרוק, ערשט, (אין זיין האַנדלונג מיט דער וועלט, אין זיין אָנמעסטן אייגענע ניין מאָס רישעות — אף אַלע איבע־ריקע פון אַרום), — די גאַנצע שווערהאַפּט־געמיינע געפאַלנקייט פו־נעם הייליקן; ווען ווען עס שטעלט זיך גלייך אַרויס, און עס ווערט באַשיינפּערלעך־אומבאַשטרייטבאַר קלאָר: אַז דאָס, וואָס ער האָט געטון איבער זיך — די אַלע שווערע פּיינפולע יאָרן פון זיין לעבן, ביז איצט — איז נישט געווען עפּעס אַנדערש: ווי נאָר זיין אומויפהערלעך בלאָזן אין די בלאָז־זעק — אף די פייער־פלאַמען פון זיין צעשטורעמטער רשעות, כדי עס נאָכמער צו צעפלאַקערן, עס לאָזן זיך־צעהוליען אין אַ ים אַ אומענדלעכן פון גרויל און וויסטן בייז, אַזוי גרויס און אַרומכאַפּנד — ווי די וועלט!....... און אַז ער האָט זיינס אויסגעפירט, — איז דאָך קלאָר. אַ סימן: אַ וועלט אַ גאַנצע, (אליין, אין פּלוג — אַ שטילע, אַ מעסיקע, אַ אימפּאַזאַנטע,) — קוקט אַרויף צו אים, מיט יובל, מיט צאַפּל, מיט גליק און קאַביקן גלויבן, מיט דערוואַכטן פינצטער־צעבושעוועטן פלאַם

פון דערלייזונג, מיט שיכור-פרענעטיש געזאנג פון באַנייונג; קוקט אַרויף צו אים, מיט הכנעה און מיט שטאָלץ; צו אים — דעם פּראָטאָטיפּ, דער אויסדריקער און באַפרייער פון אַ וועלט אַ גאַנצער מיט פּיין; מיט איין וואָרט: צו אים, דעם געקרוינטן, דעם אויסדערוויילטן פון די הימלען — דעם הייליקן...

די סאָציאַלע, און די אַנטיסאָציאַלע עדה.

איך קום נאָכאַמאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט אַף דעם טיפן פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן — דער ס אָ צ י אַ ל ע ר עדה, און דער אַ נ ט י ס אָ צ י אַ ל ע ר עדה.

אין דער ס אָ צ י אַ ל ע ר עדה רעגירט דער אינטעלעקט: וועלכער האַלט אויף אין יעדן מיטגליד פון דער עדה דעם באַוואוסטזיין; וועלכער טרייבט יעדן באַוואוסטזיניקן מיטגליד פון דער עדה — ווי דעם העכסטן ביאָלאָגישן וועזן פון דער נאַטור — צו גיין אימער פאָרויס, צו אָרגאַנישער אַלצפערפעקטערער דיפערענצירונג; און צו באַוועגן זיך פאָרויס, באַוואוסטזיניק-דיפערענצירט — דווקא אין דער פאָרם פון אַ סאָציאַלער ע ד ה, — דערפאַר: ווייל יעדע קוואַנטיטאַטיווע ענדערונג אין אַ קעגנשטאַנד טראָגט אין זיך די ק וו אַ ל י ט אַ ט י וו ע ענדערונג: צ ו ם ב ע ס ע ר ן, — ווען די ענדערונג איז — אַף פאָרויס; עס מיינט צו זאָגן: ווען די סאָציאַלע עדה — אין איר באַוואוסטזיניקן דראַנג צו דיפערענצירונג, — ברענגט אַרויס, דערפינדעט — אַ נייע העכערע פאָרם פון סאָציאַלער טעטיקייט. למשל: אַנשטאָט דער אַ י ז אָ ל י ר ט ע ר פּראָדוקציע פון אַ משפחה — די ק אָ ל ע ק ט י וו ע פּראָדוקציע אין די צעכן: אינערהאַלב וועלכע יעדער מיטגליד ווערט קוואַליטאַטיוו ה ע כ ע ר און פּראָדוצירט מ ע ר ע ר. עס הייסט: אַז זיין באַוואוסטזיין — וועלכער פאַרוואַלטעט מיט זיין בלינדער אימפּולסיווער ענערגיע, — באַוועגט די לעצטע — אַרויסצוגעבן פון זיך מער. פאַרוואָס? ווייל זי, די בלינדע ענערגיע, (וועלכע בלייבט, אין איר אומרואיקן טבע-דראַנג צו צעשטערונג און צוריקגאַנג צום צעבושעוועטן כאַאָס — אייביק-אומגעענדערט, —) דערשפּירט, איצט, (אין דעם מאַסן-אויפקום פונעם צעך) אַרום זיך, בלינד — ד ע ם צ ו ש ט ר אָ ם פ ו ן א יי ג נ ס : פון פרישער בלינדער מאַסן-קראַפט, — און זי נעמט שלאָגן, די ענערגיע, בושעווען ווילדעוועון שטאַרקער, אויפלעבן זיך-הויבן פיבערהאַפטער, זיך-שטרעקן פאַרביסן-ליידנשאַפטלעכער, אַלמעכטיק-שיכור-פאַרבלענדעטער, זיך-טראָגן צו איר ים פון צעזאָדענעם כאַאָס אַנטקעגן... איז: אַט דעם בלינדן פּאָטענט-אימפּולסיוון דערוואַכטן אויסברויז-דראַנג (אין יעדן איינעם פון דער עדה) —

צו צעשטערונג און איבערגאַנג צום דוי־פּרימיטיוון אומדיפערענצירבאַרן פאָרמלאָזן כאַאָס, — וועט איצט ריכטן דער ליכטיקער באַוואוסטזיין, דער אינטעלעקט פון דער סאָציאַלער עדה — אין יעדן איינעם פון אירע מיטגלידער — צו פאַרשטאַרקטער שעפערישער פּראָדוקציע: ער וועט טרייבן די אויפגעשטורעמטע צעקאָכטע בלינדע ענערגיע — אינערהאַלב זיינע, דעם אינטעלעקטס, אויפגעשטעלטע צוימען און פורעמס — צו אויסהאַמערן נייע העכערע ביאָלאָגיש־דיפערענצירטערע אָרגאַנישע פאָרמען פון אַ סאָציאַל־באַוואוסטזיניקן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענגאַנג אַף פאָרויס!..

דאַקעגן: אין דער אַנטיסאָציאַלער עדה רעגירט — אין יעדן איינעם פון אירע מיטגלידער — דער בלינדער אימפּולס: וועלכער דערשפּירט זיך (אין יעדן איינעם) — גוואַלדיק־מעכטיק, אַלמעכטיק — אין דער מאַסע פון די זייניקע. ער ברעכט אויף (אין יעדן איינעם) — די טויערן פון אַלע פאַרהאַסטע תפיסות, אין וועלכע עס האָט אים געהאַלטן געצוימט דער „פאַרשאַלטענער" אינטעלעקט; ער גלייכט אויס די פאַרחלשטע גלידער; ער צעשטערט, מיט עקל און יובע, אַלע דיפערענצירונגען, פאָרמען און פורעמס פון מענטש און לעבן; און ער פלייצט אויס, דער בלינד־דערוואַכטער אימפּולס, אויס יעדן איינעמס געמיט, און ער גיסט זיך אויף — אין איין שטורמיש־אויפגעזאָדן־פלאַקער־צעקאָכטן צעבושעוועטן פינצטער־כאַאָטישן ים; וועלכער הויבט זיך, מיט ווילד־משוגעדיקן אימפּעט: וואָס פאַרוויסט און פאַרדעקט אַלץ; וואָס ווישט אָפּ און דערטרינקט אין זיך — דיפערענצירטן מענטש און וועלט; און טראָגט זיך, מיט וואַנזיניקן אימפּעט — צוריק אַריינשטראָמען אין זיין בלינד־צעבושעוועטן פאָרמלאָזן שטאַם־כאַאָס פון אַלמעכטיקן אויפהערן זיין...

און עס געשעעט דאָס דאָזיקע פאַטאַלע אומגליקלעכע „גליק" מיט דער אַנטיסאָציאַלער עדה — אַלץ דערפאַר, ווייל: יעדע קוואַנטיטאַטיווע ענדערונג אין אַ קעגנשטאַנד טראָגט אין זיך די קוואַליטאַטיווע ענדערונג; נאָר, דאָס מאָל — צום ערגערן: מחמת: די ענדערונג, דער איבערגאַנג פון (אַ סאָציאַלן) אינדיווידצו דער (אַנטיסאָציאַלער) עדה, — איז, ערשט, אויסגעפאַלן — אַף צוריק.

און: ווען דער מענטש איז מורד אין זיך (אין דעם אינטעלעקט,) און ער קערט צוריק צו זיין שטאַם (צום אימפּולס), — דאַן קומט ער אום, אַלס מענטש. ער ווערט דערטרונקען — אין זיין וואַסער־שטראָם פון כאַאָס.

נאָכאַמאָל: פאַרוואָס־זשע פאָרט שטעקט אין יעדן איינעם פון אונז — דער מערדער?

ווייל דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער שאַרפער עקסטרעמער קעגנגעזעצטקייט אין דעם אומויפהערלעכן, אומאָפּהאַלטלעכן דיפערענציִרונגס־פּראָצעס פון אוניווערס; אין דער אומאָרגאַנישער, ווי אין דער אָרגאַנישער נאַטור, באַגלייך. אָט די שאַרפע קעגנגעזעצטע עקסטרעמען געפינען זיך אין פּערמאַנענטן געראַנגל צווישנאַנאַנדער; שליסן זיך קאַטעגאָריש אויס קעגנזייטיק, איינס דאָס אַנדערע. דאָך, (אָדער — דווקאָ דערפאַר,) זענען זיי — דרינגענד־אומבאַדינגט: הן פאַרן קיום און סטימול פון צד־שכנגד, הן פאַרן אייגענעם קיום און סטימול; און גראָד אַזוי, ווי איטלעכער איז — אומגעענדערט, נישט אַנדערש. עס הייסט, במילאַ: אַז זייער קריגערישע קעגנזייטיקע באַגלייטונג איז פּונקט אַזוי פּערמאַנענט, ווי זייער געראַנגל.

דאָס איז דער פאַל מיט די עלעמענטן פון טעזע־אַנטיטעזע, סטאַטיק־דינאַמיק — אינעם קאָסמאָס. זיי זענען שאַרף־עקסטרעם קעגנגעזעצט, אין זייערע כאַראַקטער־טענדענצן פון: צעשטערן (קאָנסערווירן, לשם צעשטערן) — די ערשטע; און קאָנסטרואירן (צעשטערן, לשם בויען) — די לעצטע; און זיי באַקעמפן זיך, אָן־אויפהער. אָבער, גראָד דערפאַר, (מחמת דער קעגנזייטיקער אויסשליסונג און באַקעמפונג,) סטימולירט יעדער צד — דעם קעגנער, א י ז י ך ; מאַכט בולט דעם קעגנערס כאַראַקטער און געשטאַלט — אי דעם אייגענעם; עס הייסט: באַוואָרנט דעם קעגנערס קיום — אי דעם אייגענעם; אַ קיום, אין פּערמאַנענטן געראַנגל; וואָס דאָס איז די ערבות פאַרן פּערמאַנענטן גאַנג און אַנטוויקלונג פון אוניווערס.

((עס איז: ווי דער אייביקער געראַנגל, אַלציינס, צווישן די שאַרף־קעגנגעזעצטע קאָלירן פון ווייס און שוואַרץ א. א. וו.; וואָס ווערן, גראָד דערפאַר — עס הייסט, מחמת דער קעגנגעזעצטקייט — אונטערגעשטראָכן־אָנזעעוודיק־סענסאַציאָנעל פאַר אונזערע חושים; וועלכע (די חושים) וואָלטן יעדן איינעם קאָליר אַליין (אָן דעם דמיון — לאָז זיין, אין הינטערגרונט — פון צד שכנגד,) קיינמאָל נישט געווען דערזען — עליי זיי, די חושים, וואָלטן געווען בלינד. ווייל איטלעכער קאָליר — אַבסאָלוט אָן־און־פאַר־זיך — אָן אַ פאַרשטעלונג־לאָז־זיין פון אַ קעגנערישן, — איז קיין קאָליר; איז — גאָרנישט; קיין שום מציאות.))

און דער זעלבער פאַל איז מיט די עלעמענטן פון טעזע־אַנטיטעזע, סטאַטיק־דינאַמיק — אין דעם מענטשן; אין וועמען זיי טוען זיך רעפּרעזענטירן: אַלס האַרץ און מאַרך, געפיל און געדאַנק, אימפּולס און אינטעלעקט, אומזין און זין; וועלכע זענען שאַרף־עקסטרעם־קעגנגעזעצט

צווישנאַנאַנדער: מיט זייערע אויסגעשפּראָכענע טענדענצן: פון קאָנסער־ווירן־לשם־צעשטערן — די ערשטע; און צעשטערן־לשם־קאָנסערווירן — די לעצטע*). איז אָט די שאַרף־קעגנגעזעצטע עקסטרעמען אינעם מענטשן געפינען זיך — ווי מע קאָן זיך משער־זיין — אין פּערמאַנענטן פאַרבי־סענעם געראַנגל; שליסן זיך אויס קאַטעגאָריש, איינס דאָס אַנדערע. און דאָך, (אָדער — דווקא דערפאַר,) זענען זיי — דרינגענד־אומבאַדינגט: הן פאַרן קיום און סטימול פון צד־שכנגד, הן פאַרן אייגענעם קיום און סטימול; און גראָד אַזוי, ווי איטלעכער איז — אומגעענדערט, נישט אַנ־דערש. עס הייסט, במילא: אַז זייער קריגערישע קעגנזייטיקע באַגליי־טונג איז פּונקט אַזוי פּערמאַנענט, ווי זייער געראַנגל.

((עס הייסט אָבער אויך, גלייכצייטיק (און זאָל מען זיך גוט איינ־הערן דערין): אַז אומזין אינעם מענטשן איז דער סטימול צום זין; און פאַרקערט. עס קומט אפשר פאָר צווישןביידן דער זעלבער פּראָצעס, ווי — צווישן ליכט און ברענשטאָף, אַלציינס. ליכט מיט ליכט אַליין — לויכט נישט; במילא, הערט עס אויף זיין — ליכט. ברענשטאָף מיט ברענשטאָף אַליין — ברענט נישט; במילא, הערט עס אויף צו זיין — ברענשטאָף. בלויז אין אָנבאַהעפט מיט פינצטערן ברענשטאָף — כדי אים צו באַ־לויכטן, — ווערט ליכט דאָס, וואָס עס איז — ליכט. בלויז אין אָנבאַ־העפט מיטן לויכטנדן ליכט — כדי עס צו פאַרצערן, — ווערט ברענשטאָף דאָס, וואָס ער איז — ברענשטאָף.))

●

אָבער, אָט די אייביקע איינאַנדיקע באַגלייטעניש פון די צוויי קעגנגע־זעצטע עלעמענטן, אינעם מענטשנס מאַטעריע און פּסיכיק, — איז מסוגל צו באַגרייפן — נאָר דעם מענטשנס ליכטיקער אינטעלעקט, דער דינאַמישער קאָנסטרוקטאָר. דאַקעגן, זאָגט זיך קאַטעגאָריש דאָס אָפּ צו באַנעמען — דעם מענטשנס בלינדער אימפּולס, דער סטאַטישער דעס־טרוקטאָר; וועלכער איז, כידוע, גרייט אויפצורייסן אַלץ־מיט־אַנאַנדער: זיך, דעם צד־שכנגד; און אַלעם באַקערן צום אורשטאַמיקן כאַאָס פון נישט־זיין.

און דער אינטעלעקט: איינזעענדיק, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון,

---

*) עס מיינט צו זאָגן: אַז די אימפּולסיווע טעזע־טענדענץ ציילט זיך — אויבנויף־גענומען — סטאַטיש־קאָנסערווירנד; אָבער, אין איר תּוך, צילט זי צו — צעשטערונג־אָף־צוריק, צו כאַאָס. דאַקעגן, די אינטעלעקטו־עלע אַנטיטעזע־טענדענץ — דינאַמיש־צעשטערעריש אַ ף ־ פּ אָ ־ ר ו י ם: עס הייסט, כדי צו קאָנסטרואירן כסדר נייע העכערע סאָציאַלע פאָרעמס פאַר דער געזעלשאַפט.

— און אין זיין היסטאָרישן באַרוף — אָנצופירן מיטן אוניווערס, מיט דער נאַטור, מיטן לעבן פון יחיד און פון דער מענטשהייט, — האַנדלט, אין דעם פאַל — אַקוראַט אַזוי, ווי ער פירט זיך — באַם באַהערשן די טויטע אומאָרגאַנישע ענערגיע, (די טעזישע צעשטער־עלעמענטן) בכלל. ער באַנעמט: אַז מע טאָר נישט — ווייל מע קען נישט — (פּרואוון) אונטערדריקן איר טבע, איר כאַראַקטער פון צעשטערונג; און מע מוז זיך איר לאָזן אויסלעבן (הגם — אומדירעקט) — אין אַבסאָלו־טער טרייהייט צו אירע אומפּאַרענדערלעכע נטיות צו דעסטרוקציע; און דאָך, און דאַן ערשט — אין דער זעלבער צייט — זאָל זי, די בלינדע דעסטרוק־טיווע ענערגיע, זיין די טרייב-קראַפט צו קאָנסטרוקציע — אינערהאַלב די בויענדע פורעמס, וואָס ער, אינטעלעקט, שטעלט אויף — פאַר אירע ריכטונגען, באַוועגונגען, עס הייסט, פאַר איר אויסלעבונג; און ווי עס איז דער פאַל מיט עלעקטרישער און אַנדערע בלינדע ענערגיען פון דער נאַטור — אין די הענט פונעם בויענדן אינטעלעקט.

איז, פונקט אַזוי האַנדלט ער, דער אינטעלעקט — באַם אָנפירן מיטן לעבן פון יחיד, אינערהאַלב דעם לאָגיש-אויפגעשטעלטן סאָציאַלן פורעם און שטייגער־צוים פון דער געזעלשאַפט.

ער, דער אינטעלעקט, גיט שטרענג אַכטונג דאַרויף: אַז זי, די בלינ־דע אימפּולסיווע ענערגיע, זאָל זיך אויסלעבן, און באַפרידיקן איר בעסטיאַלישן דראַנג צו מערדעריי, אַכזריות, מאַסן-מאָרד, צעשטערונג און מאַסן-שגעון, עס הייסט, אָפּליפערן איר אַקומולירטע פינצטערע אָנגע-דראָלנקייט (הגם — אומדירעקט) — עקסהיביציאָניסטיש־אַקטיאָריש־אומפאַרשעמט: דורך די קאַנאַלן פון עראָס — אין דער ליבע־האָס-שפּיל מיט דער פרוי; אין דער פאַרשטעלונגס-קראַפט, באַם לייענען וויזיאָנע־רישע אוואַנטורע־ליטעראַטור — מיט אירע דראַמען, טראַגעדיען, אַכזריות-דיקע אויסלאַכערישע קאָמעדיען, טעראָר-געשיכטן פון מאָרד־שגעון און מאַסן-מאָרד; דאָס גלייכן — אינעם קינאָ, טעאַטער; באַ מוזיק; דורך דער רעליגיעזער מאַסאָווער שגעון-עקסהיביציע פון די יאָנטויווים; באַם זינ־גען, טאַנצן, ברומען, קווייטשען, ליאַרעמען, באַ ספּאָרט און אַנדערע שפּילן; עס הייסט, זיך מאַכן משוגע — אַף גאָטן — אַלס אור־אָפּשטאַם פון אונ־זערע אָבות אינעם דזשונגל.

און אַדאַנק אָט דעם נאָכקומען — אינערהאַלב דער שכלדיק-אויפ־געשטעלטער סאָציאַלער שטייגער-צוים פון דער געזעלשאַפט — אָט דעם פינצטער־אימפּולסיוון אַנטיסאָציאַלן דראַנג, אין יעדן איינעם פון אונז, צו מאָרד־שגעון און מאַסן-צעשטערונג: — אַלס באַלוינונג, אַלס באַצאָ-לונג פאַר גוט-געמאַכטער סאָציאַל־שכלדיקער אַרבעט, — גייט דער מענטש, די גאַנצע צייט, אין שפּאַן פון אינטעלעקט; און: איגזינענהאַבנדיק פאַר

זיך, א ו י ס ש ל י ס ל ע ך — זיין מוטנע־אימפּולסיווע צעשטערעריי־שע אַנטיסאָציאַלע אויסלעבונג, — וועט ער זיין, דערווייל — די טרייב־קראַפט פון אינטעלעקטס לויטער־סאָציאַלע קאָנסטרוקטיווע געבויען פאַר דער געזעלשאַפט.

•

אָבער, אַט די אַלע א ו מ ד י ר ע ק ט ע אויסלעבונגען באַם איינגעשפּאַנטן אינדיווידן אין דער סאָציאַלער געזעלשאַפט *) האַלטן אָן אַזוי לאַנג, — ביז דער בלינדער אימפּולסיווער מענטשן־ים כאַפּט־זיך: — אַז מע נאַרט אים... און ער נעמט זיך רייסן ווילד, אוים אַלע סאָציאַלע מחיצות־צוימען — צו ד י ר ע ק ט ן מאַסן־מאָרד; צו דער גריי־לעבער פינצטערער בלוט־באָד; צו דער פלעצלעך־אויפגעזאָדענער אַלץ־פאַרפלייצנדער אויפראַטונג, פאַרטיליקונג, פאַרוויסטונג!..

...ער ברענגט אום דאַן, רוצחיש־צעיושעט — זיינע געציילטע פריינט: די אינטעלעקטועלע סאָציאַלע פירער, וועלכע דערוועגן זיך נאָך צו מאַכן דעם לעצטן קלאָרן רוף... „צו פאַרנונפט, צו באַזאַכטקייט — כל־זמן עס ווערט נישט צו־שפּעט...” און, איידער וואָס־ווען — און ש ו י ן האָט דער בלוטיקער ים־שגעון־צופלום צונעשלאָגן און פאַרפלייצט באַ איטלעכן דעם קאָפּ; פינצטער געמאַכט — איבעראַל; און ש ו י ן שטייט די וועלט אין פלאַמען; איין שרפה — פון עק צו עק; אוניווערסאַלע מאַסן־פאַרטיליקונג — אַף דער שווּשפּיל־אַרענע פון מאַסן־טויט אינעם לעבן... א ו י ס — צושויער! אַ, דירעקטע, ענדלעך־דערלעבטע, בלוט־נאַקעטע פריי־עקספּאַנסיווע שפּיל־עקסהיביציע פון מאַסן־פאַרלענד, ביז לעצט!..

...און שכל — צעבלוטיקט־צעוואונדעטער שכל — האָט שכל, גערולד;
און רוקט זיך אָפּ — אויסוואַרטן...

...ביז עס רוקט זיך אָן, אומפאַרמיידלעך — די איבערזעטיקונג. עס

---

*) מע דאַרף, אגב, פאַרשטיין: אַז די אַזוי־גערופענע ס אָ צ י א ל ע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ווערט דאָ — וואָס אָנבאַלאַנגט: איר העלפן דעם מענ־טשן אָפּליפערן פון זיך דעם אָקומולירטן פינצטער־אימפּולסיוון אָנגעדראַ־לענעם דראַנג צו עראָטיש־מאַסאָוון מאָרד־שגעון, — פאַרגעבראַכט — אין איר אידעאַלסטן מאָדעל; עס הייסט: א ז ו י , ווי עס וואָלט זיך באַ־דאַרפט פירן — אין אַ עבטער פערפעקטער סאָציאַלער געזעלשאַפט — ווען אַזעלכע וואָלט זיך אין ערגעץ געשאַפן. בעת אינעם לעבן — ווייסן מיר — אונטער די אומשטענדן פון דער היינטצייטיקער אַזויגערופענער „אָרדע־נונג”, — איז אַזא טרוים, אַ, נאָך זייער ווייט פון צו זיין אַווירקלעכקייט; קרוב אל השכל... אָבער — ווי געזאָגט — האַלטן מיר זיך באַ אונזער אידעאַלן מאָדעל פון והיה באחרית הימים; איז, אפילו דאַן...

קומט דער ים־אַפּפלוס... ווידער, נעמט זיך אַרויסהויבן איבער אַלץ — די אַקאַרשט־געוועזן־פאַרפּלייצטע יבשה, די פאַרנונפט...

...און אַלע באַגערן שווין די רו; אַ, די גייסטיקע מנוחה... ווידער, נעמט מען שפּילן איבעראַל — די ראָל פון פרידן. ווידער, זעט מען דעם עלנטן דערשלאָגענעם בונטארישן מאַן, דעם אויסגעשעפּטן אימפּולסיוון באַרבאַר — זיך־לאָזן פירן (עליי, אַ אומבאַהאָלפן קינד — פון עלטערס פון זיך,) — פון פאַרנונפט, פון סאָציאַלן אינטעלעקט — צוריק אין דער סאָציאַלער צוים פון אַ ניי־אויפגעריכטן פורעם־שטייגער...

...אַ; מעט שווין זיין, אַ צייט, גוט און וואויל און פרום; און זיך, ווי־דער, לאָזן צופרידנשטעלן — בלויז אומדירעקט...

אָבער, געדענקט: נאָר — ביז אַ צייט...

דער אַפּאָקאַליפּטישער מענטש־וואָלף פון אונזערע טעג.

פונקט, ווי ווען דער אימפּולס אין אונז באַקומט ליב עפּעס, (אַ מאכל, אַ פרוי, סתם אַ מענטשן, א. א. וו.) — צעשטערט ער עס; פאַרשלינגט עס; נעמט עס אויף, אין פאַרדייוונג, אין זיך; דעז־אינטעגרירט עס — א ז ו י, ווי יענץ איז; מאַכט עס דעגענערירן — אויס דעם איי גענעם העכערן שטאַנד, אויס דער גאַנצקייט; מאַכט עס אַראָפּדעגענערירן, ני־דערן צו זיך; מאַכט עס — באַגלייך מיט זיך; דערשפּירט גלייך אין יענץ — איי גנס; דערשפּירט, ציט אַן אין דעם אינגעווייד פון יענץ — זיך; גיסט זיך אויף מיט דעם איניינעם, ווי מיט איי גנס — אין איינס, — אַקוראַט אַזוי געשעט צו יעדן איינעם פון אונז — אין אַ צייט (לאָמיר זאָגן — די היינטיקע,) פון אַלגעמיינער סאָציאַל־מאָראַ־לישער צעפאַלונג: ווען מיר דעגענערירן צו דער דרגאַ בתרייתאַ — פון פאַר־לירן אונזער גאַנצקייט, אַלס מענטשן; ווען מיר נעמען ווערן דעז־אינטעג־רירט — אין סתם אָרגאַנען אימפּולסיווע, איזאָלירטע, וועלכע באַקומען פלוצים אַ בלוטיקן קאָנטאַקט אַ צאַפּלדיקן מיט די נידעריקסטע שטאַפּלען פון אונזער אייגענער (אין־אונז־פון־פאַרצייטנס־שטעקנדער־דרעמלענדער־געפּלעפּטער, און איצט, מיטאַמאָל, אַזוי־ראַש־צעוועקטער) ווילדער פּרימי־טיווער אור־וואַלד־ביאָלאָגיע; ווען מיר באַקומען פלוצים אַזאַ יונגן ווילדן ברוטאַלן באַהעפט — מיט אור־דזשונגל און אור־אַנימאַל אין אונז; ווען טשאַטעם וועלף אין אונז דערוואַכן; טוען זיך אויפזאַמלען, צעוואָיען; נע־מען אומבראַדזשען אין אונז — איבער אונזערע פּאַרצייטישע וויסטענישן, אונטער פחדימדיק־רויע הימלען, מיט געשפּענסטער־רויטע קופּער־צעגליטע נידעריק־הענגענדע מזלות — קלאָגן און יאָגן אַף פּאַרציקונג... אַ, ד אַ ן,

— ציען אַלע פון־זייערע־בענדער־אויפגעלייזטע גלידער אין אונז: עפּילעפּטיש־צאַפּלדיק, זיך־אָפּצוגיבן — ווי אַמאָל־פּאַרצייטנס — דער עלעמענטאַרסטער פּרימיטיווסטער קאָכעדיקסטער באַהעפטונג מיט כאַאָס, און אומקום... אַ, דאַן, — פאַרשווינדט, פאַרגייט דער מענטש — דער סאָציאַל־אינטעלעקטועלער בויער, דער שעפער און האר פון גאַנצקייט, פון אוניווערס; און די מיטיינמאָל־פרייגעוואָרענע בלינדע אַפהפקר־אָפּגעלאָזענע עלעמענטן אין אים — ווי אין אַ גייסטלאָזער חורבה, ווי אין אַ לעבעדיקן פּגר, — נעמען ציען, אין פּאַנאַנדערפאַל — צו זייער אור־שורש פון צעשפּילטער צעשטערערישער סטיכיע — פון ערד, הימל און ים; נעמען ציען־גראַוויטירן צו קאַטאַקליסטישן צעבושעוועטן אויסגעשפּאַנטן פאַרלענד, (...אַנטיסאָציאַלע קאַמפן, מלחמות, איבערקערעגישן, צוזאַמענשטויסן, איבערפאַלן, אויסראָטונגען, פאַרניכטונגען, פאַרטיליקונגען...); צו אומקום אין כאַאָס... איז, דאַן, אַ — ווען עס פאַרשווינדט אונזער מענטשלעך־יעראַרכישע גאַנצקייט, — דאַרף קיינעם נישט וואונדערן: הלמאי די וועלף, די אַנימאַלן, די אור־חיות טוען אויפטויכן, אויפקומען — אויס אַלע אור־דזשונגלען, אויס אַלע אור־תהומות; זיי ציען — הונגעריקע, פאַרליבטע — צו אונז — אויס אַלע אור־עקן; זיי זוכן אונז צו פאַרצוקן — ווי שפּייז רויע ברוטאַלע, (... זיי באַקומען איבער אונז די שליטה — ווייל מיר האָבן פאַרלאָרן דעם צלם אנושי...) אַקוראַט ווי אייגנס מיט זיי... און וואָס מיר זענען, ווירקלעך — מיט דער גאַנצער מאָס אמת.... דערפאַר, באַקומען זיי אונז, מיטאַמאָל, אַזוי ווילד־ליב: זיי — די דזשונגל־וועלף פון אַרום — אונז, די דזשונגל־וועלף אין אונז.... אָבער דערפאַר, אָט טאַקע מחמת דער זעלביקער סיבה — רייסן מיר זיך, איינצייטיק — אַנטקעגן צו זיי: די סטייעס וועלף אין אונז — צו די סטייעס וועלף אין אַרום, און פאַרקערט — אין דער בלוטיקסטער, רויעסטער און צעגרוילטסטער וואַלדאָרגיע פון אַפּאָקאַליפּטישער מענטש־וואָלפישער ליבע־האַס־סימפאָניע, אין קעגנזייטיקער בעסטיאַלישסטער פאַרצוקונג...

אַזוי געשעט צו יעדן בר־נש: ווען ער נעמט ווערן אַלט, אַרויספאַלן פון לעבן; במילא, פון דער סאָציאַלער תפיסה, — אַזוי דערשפּירט ער זיך, מיטיינמאָל — יונג־אימפּולסיוו־ברוטאַל־טיראַניש־אומגעצוימט, ווי קיינמאָל!

אַזוי געשעט צו יעדן אַלט־געוואָרענעם דור: ווען עס שלאָגט די שעה פון זיין אומפאַרמיידלעכן אָפּגאַנג.

דער אייביקער צוריקקער פון דעספּאָטיע

„די עקסטרעמע פרייהייט פון אַ דעמאָקראַטיע פאַרבייט זיך תמיד אַף דעספּאָטיזם". (פּלאַטאָן, ציטירט לויט אָסקאַר ווײַלד, אין זײַן עסיי „דער געבורט פון דער היסטאָרישער קריטיק".)

דאָס איז אין הסכם מיט מײַן סאָציאַל-פילאָזאָפישער וועלט־אָנשויונג, אַז: „אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין איר עקספּאַנסיע און אַנטוויקלונג — ((אַלציינס, ווי אין דעם מענטשנס פּסיכיק: דער שטרײַט צווישן דער האַרץ־עמאָציאָנעלער וויזיע און דער מאַרך־אינטעלעקטועלער באַנעמונג פון דער רעאַליטעט, צווישן דער אַזוי־גערופענער אידייע און דער מאַטעריע: אַלס קאָנסעקווענץ פונעם אַנטיטעטישן טעזע־אַנטיטעזע־עלעמענטן־געראַנגל אין דער ביאָלאָגיע, (אין איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטירלעכן אָפּקלויב, דורך ירושה און צופּאַסונג,) און אינעם קאָסמאָס, אין אַלגעמיין)), — גייט אָן דער אייביקער קאַמף: צווישן היסטאָרישן אידעאַליזם און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם; עס הייסט, צווישן מאַסע און אינטעליגענץ..." (געגנויער, אין מײַן אַרבעט „ליבאַוויטש און די וועלט", קאַפּיטל פינף.)

דאָס וויל זאָגן: אַז די עלעמענטן פון טעזע און אַנטיטעזע, האַרץ־אימפּולס און מאַרך־אינטעלעקט, מאַסע און אינטעליגענץ: אַזוי — אינערהאַלב דעם אינדיווּיד, אַזוי — אינערהאַלב דער ערדה, דער געזעלשאַפט, — בלײַבן אייביק — אומפאַרענדערלעך אין זיך; יעדער עלעמענט — טיף־אײַנגעשלאָסן אין זײַן טבע, אין זײַן טענדענץ: דער ערשטער — דעספּאָטיש צעשטערן דעם קעגנער — סיי אין פאָרם, סיי אין תוך — און באַקערן אַלץ — צ ו ר י ק , צו פּאָרמלאָזן כאַאָס; דער צווייטער — אַלץ צעשטערן — אין ד ע ר פאָרם — און טרײַבן אַלץ — פ אָ ר ו י ס , צו אַ נײַער העכערער פאָרם: פון אינדיווידועלער עקזיסטענץ; פון געזעלשאַפטלעכער.

עס איז אייביק — די טבע פון די פײַנטלעכע עלעמענטן. במילא, איז אייביק — זייער פאַטאַלער געראַנגל: אַזוי — אינעם אינדיווּיד; אַזוי — אין דער ערדה.

אינעם אינדיווּיד, — איז — ענטוועדער־אָדער:

אָדער: דער ליכטיקער מאַרך־אינטעלעקט־עלעמענט נעמט איבער די מאַכט, און ער פירט איין — די עקסטרעמע מיליטאַנטישע פרייהייט פון אַ דעמאָקראַטיע: ד. ה.: נ י ש ט — ער שטרעבט צו פ אַ ר נ י כ ט ן די פינצטערע האַרץ־אימפּולסיווע מאַסע, — נייערט ער לאָזט איר עקזיסטירן, אומגעשטערט — אין פולשטענדיקן טרייען אָנקלאַנג מיט איר אומפאַרענדערלעכער עלעמענט־טבע, ד. ה. מיטן בלינדן פאַטאַלן דראַנג פון איר

ענערגיע: צו צעשטערן — לשם צעשטערן. ער טוט אָבער אָן אַף איר — אַף דער פינצטערער האַרץ־אימפּולסיווער מאַסע — די צוואַנגס-תּפיסה פון זיין ליכטיקן אינטעלעקטועלן פאָרום: די שבלדיק־איינגעשטעלטע סאָציאַלע פאָרם, דער שטייגער. און עס באַקומט זיך: אַז בעת די ענערגיע בישעוועט, אינערהאַלב דעם פאָרום, און לעבט זיך אויס אומגעשטערט־בלינד־צעשטערעריש (אומדירעקט), אין אַב־סאָלוטן הסכם און דראַנג פון איר טבע, — טוט זי זיין, אין דער זעל־ביקער צייט — די מעכטיקע טרייב־קראַפט — פאַר דעם אינטעלעקטס ליכטיקע קאָנסטרוקטיווע פאָרומס; פאַר זיינע אַליץ־נייערע פאָרמען פון וואוקס, פון קיום, פון גיין פאָרויס...

אָבער: צי בלייבט זי דען, די פינצטער־אימפּולסיווע ענערגיע, באַ־פרידיקט — מיט דעם סוראָגאַט פון איר אויסלעבונג; מיט דער אומדירעקטער נאָכגעבונג פון איר טבע; מיט דעם סובסטיטוט פון איר פינצטער־צעיושעטער שטרעבונג צו צעשטערונג, צו עכטער דירעקטער אַלצפאַרניכטונג?

— ניין. קיינמאָל אין דער וועלט נישט. זי וועט קיינמאָל נישט שלום־מאַכן מיט די טובֿות פון איר גרויסמוטיקן דעמאָקראַטישן שונא: וואָס ליבט — אַליין, צו הערשן; און אויך איר לאָזן לעבן און זיך־אויסלעבן... ניין. זי וועט איר בלוטיק־פינצטערע צע־קאַכטע נקמה־שנאה צו אים נישט נאָכלאָזן אַף אַ האָר. זי וועט זי, די שנאָה, נאָך ווילד־צעיושעטער לאָזן אויפפלאַקערן אין זיך — צו אים, מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין אַבשיילעכער דעמאָקראַטיע, מיט זיינע פּראַכט־לעכע טובֿות — פאַר איר!... זי וועט נישט רוען — אַ רגע. זי וועט לויערן, פינצטער־פאַרברענט, אָן אָפּדעך — באַטאָג־באַנאַכט... ביז, זי וועט אים נישט פּאַקן, ענדלעך, דעם אינטעלעקט — איר גרוילהאַפט־בלוטיקן שונא, פון אייביק ביז אייביק; אים דערווערגן, אַף שטיקער צערייסן; פאַר־צווייפלט־ספּאַזמאַטיש אוממעכטיק־אַלמעכטיק, אַ סוף־מאַכן צו זיך און צו אים — מיט זיינע טובֿות, מיט זיין נבזהדיקער דעמאָקראַטיע צוזאַ־מען!..

געוויינלעך, ווען דער רייף־געוואָרענער אינטעלעקט קומט איבערנע־מען די מאַכט אין אַ אינדיווויד, — טרעפט ער דאָרט, פון פריערט, (אין יעדן איינעם — פונקט, ווי אין דער ביאָלאָגישער יעראַרכיע, אין אַלגע־מיין — ווערט, צוערשט, רייף: דער אימפּולס מיט די זייניקע; און דער מאַרך־אינטעלעקט קומט ערשט אונטער, מיט זיין דערפאַרונג, אין די שפּע־טערדיקע יאָרן פון רייפקייט;) — אַ ברוטאַל־איינגעשטעלטע אימפּולסיוו־דיקטאַטאָרישע בלינדע דעספּאָטיע, וועלכע שאַלטעט און וואַלטעט אינעם אינדיווידס געמיט פון אויבן ביז אַראָפּ; אַליינהערשעריש, טיראַניש; נישט־

דולדנדיק דעם דעך אפילו דערפון: פון צולאָזן די מעגלעכקייט — צו טיילן די מאַכט מיט עמיצן אַנדערש...

דער אינטעלעקט, דאַרום, זעט זיך געצוואונגען — דורכצופירן אַ רע־וואָלוציע: מיט דער הילף פון זיינע אומצייליקע חילות — די אַנטיטעזע־עלעמענטן, וועלכע זענען, אַזוי בשפע, צעשטעלט איבערן גאַנצן מענטש־לעכן אָרגאַניזם; מיט איין וואָרט: — נעמען די מאַכט — אַף כוח!..

נאָכדעם, ווי ער האָט שוין די מאַכט איבערגענומען, — דאַרף ער גלייך אָנהויבן זאָרגן: ווי אַזוי איינצוהאַלטן — לטובת דעם אינדיווידי.

ער, דער אינטעלעקט, טרעפט, איצט, אַף אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירנדע פּאָזיציעס פון מענטשלעכן אָרגאַניזם — רוטינירטע געשולטע באַאַמטע (די אַזוי־גערופענע עמאָציאָנעלע אינטעליגענץ) פון אַלטן גע־שטירצטן רעזשים: די אַלע געפילן און עמאָציעס, וואָס רעפלעקטירן, אויסן אימפּולס, אין האַרץ אַריין; און ער איז געצוואונגען ,דער אינטעלעקט: דערווייל, זיי צו לאָזן אַף די פּלעצער; (הגם ער איז זיכער: אַז זיי וועלן סאַבאָטירן, ווייל זיי וועט אייביק ציען צום אַלטן; און, ווי אַלטע — אַליין, — קענען זיי שוין קיין נייעם מושל ערלעך נישט דינען. זיי זענען, ווי דער אַלטער דור־המדבר, וואָס מוז שוין אַזוי אויסשטאַרבן...) און אונ־טערדעסן — בעת ער, דער אינטעלעקט, וועט האַלטן אויג אַף די אַלטע דינער, — וועט ער, דערווייל, נעמען, מיט דער צייט, צוגרייטן — אַ נייעם דור: נייע ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע קאַדרען; די אַזוי־גערופענע — אינטעלעקטועלע באוואוסטזיניקע אינטעליגענץ; ד. ה.: ער וועט צו־טרעטן פּראָדוצירן געדאַנקען, וואָס וועלן, מיט דער צייט, פאַרוואַנדלט — אין שכלדיקע געפילן, און נאָך שפּעטער — אפילו אין שכלדיקע עמאָציעס; וועלכע זענען עלול און באַרופן: צו פאַרנעמען דאָס פּלאַץ — פון דעם אַלטן אָפּשטאַרבנדן דור דינער־שאַפט; און אַליין, אַף דעם אָרט פון די אוועקגייענדע, נעמען ערשט העלפן דעם ליכטיקן אינטעלעקט: צו פירן דעם אינדיווידי: פון איין ליכטיקן אינטעלעקטועלן נצחון צום צווייטן — אָן אויפהער, אומדערמידלעך, אָן אָפּהאַלט...

אָבער: דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, געשעט — אָפּן איבערפלאַך פון מענ־טשנס געמיט; פון מענטשנס צעבושעוועטן אימפּולסיוון בלינד־צעיושעטן ים פון כאַאָס; בא וועמען דער אינטעלעקט, אמת, האָט איצט צוגענומען אַלע פירנדע אַמטן — אין דער מענטש־מדינה; זיי באַזעצט, די אַמטן — מיט אייגענע, באוואוסטזיניק־טרייע: וועלכע דענקען — איינס מיטן אינ־טעלעקט; וועלכע פירן — באַנאַנד מיטן גרויסן שכלדיקן מנהיג — אין דער נייער אויפגעריכטער מענטש־רעפּובליקאַנער עקסטרעם־פרייער דע־מאָקראַטיע...

און דאָך, טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַף איין האָר אַפילו: אַז
פונקט ווי אַלע אַלטע פּראָגרעסיווע אינטעלעקטועלע דעמאָקראַטיעס
פון אַלטערטום האָבן געהאַט זייער פונדאַמענט — אַ ף פ י נ צ ט ע-
ר ע ר ש ק ל אַ פּ ע ר יי, — אַזוי אויך אין דער נייער מענטש־דע-
מאָקראַטיע, בלייבט דער אימפּולס־עלעמענט — אין זיין נייער פאָרום־
שטיינער-תפיסה-שקלאַפעריי באַם אינטעלעקט, ד. ה., אין זיין תוך —
בלינד־אומדורכדרינגלעך־אומפאַרענדערט; פאַרביסן, אין זיין אייביקן
פינצטערן לויער: אויסצוטשאַטעווען די שעה: כדי צו דערלאַנגען דעם
שונא דעם פאַטאַלן בלוטיקן קלאַפּ אין קאָפּ אריין — אומגעריכט, צע־
שמעטערנד; אַהין צילעווען, און גלייך אים פלעצלעך צעפלעטן פאַר־
אַמאָל! אליין, אָ, אויפטויכן — יונג-צעבושעוועט, ווי געווען; ווידער זיך־
איינבייסן, ספּאַזמאַטיש־אַלמעכטיק, אין דער מאַכט איבערן מענטש —
ביז אייביק!..

און עס איז געַנוג: נאָך אַ געזונטן אַרבעטס-טאָג פאַרן אינטעלעקט:
ווען ער מוז זיך גיין איבערענטפערן אין דעם שוים פון דער נאַכט, אין
די אָרעמס פונעם שלאָף — פאַר דעם אומבאַדינגטן אָפּרו־וועגן, — אָדער:
אַז עס קומט אונטער אַ געוויסער קריטישער מאָמענט, ערגעץ אַף אַ
קרייצוועג: ווען דער איבערגעלייגטער און אימער-וואַכזאַמער אינטעלעקט
האָט צו אַנטשיידן פאַטאַל דעם אויסוועג — און ער זאָל בלייבן, איין
רגע, אין צווייפל — אַז ער זאָל זיך דערלאַנגען, אַף איין האָר, אין פאַר־
לעגנהייט, אַ וואַקל, — און גלייך זאָל אויפטויכן און אויפשטורעמען —
אַזוי, אין ערשטן פאַל, פון שלאָף, ווי אין אומצייליקע אַנדערע, — מיט
זיין גאַנצער ברוטאַל־צעיושעטער אימפּעטיקייט — דער בלינד-נקמה־
דורשטיקער אימפּולס; זיך אַ הויב־טון איבער זיין ביטער-פאַרהאַסטן שור־
נא פון אייביק; זיך אַ שליידער-טון אַף אים, ווי אַ בליץ־שנעל, ווי אַ
בעסטיע; אים אַנטוואָפּענען, צעטומלען, פריטשמעליען; אים נישט לאָזן
קומען צו זיך מער; אים בינדן, פענטן, איינקרעמפּעווען; זיך־איינקלע-
מען, איינבייסן, איינשטשעמען אין אים; אים שוין נישט אָפּלאָזן מער;
אויסגיסן אַף אים דעם גאַנצן פינצטער־צעיושעטן האַס...

...אָ, עס זאָל זיין מ יי ן טויט מיט דיינעם צוזאַמען, אָ, פינצ־
טער-הינטישער אינטעלעקט! אָ, עס זאָל נאָר אָפּגעמעקט ווערן דאָס גע-
ביין דיינס, מיט דיין געדעכעניש — אַף אייביק!..

און אַזוי און נישט אַנדערש גייט עס צו — אין דער געזעלשאַפט.
ממש, וואָרט אין וואָרט. אַ האָר נישט געענדערט...

בעת דער ליכטיקער מאַרך־אינטעלעקט-עלעמענט (די פּראָגרעסיווע
פאָרגעשריטענע אינטעלעקטועלע אינטעליגענץ — אונטער די פאַרשיי־

דנסטע סאָציאַל־פּאָליטישע טיטולירונגען, לויט צייט און אָרט,) נעמט איבער די מאַכט, — פירט ער איין די עקסטרעמע מיליטאַנטישע פּריוו־הייט פון אַ דעמאָקראַטיע; ד. ה.: נ י ש ט — ער שטרעבט צו פאַר־ניכטן די פינצטערע האַרץ־אימפּולסיווע מאַסע, (אינערהאַלב יעדן איי־נעם פון אונז...); נאָר, ער לאָזט איר עקזיסטירן אומגעשטערט — אין פולשטענדיקן טרייען אָנקלאַנג מיט איר אומפאַרענדערלעכער עלעמענט־טבע; ד. ה., מיטן בלינדן פּאַטאָלן דראַנג פון איר ענערגיע: צו צעשטערן — לשם צעשטערן. ער טוט אָבער אָן אַף איר — אַף דער פינצטערער האַרץ־אימפּולסיווער מאַסע — די צוואַנגס־תפיסה פון זיין ליכטיקן אינ־טעלעקטועלן פּאָרום: די שבלדיק־איינגעשטעלטע סאָציאַלע פאָרם פון דער עדה; דער באַוואוסטזיניקער שטייגער פון דער אָרגאַניזירטער גע־זעלשאַפט.

און עס באַקומט זיך: אַז, בעת די בלינדע ענערגיע בושעוועט, אי־נערהאַלב דעם פּאָרום, און זי לעבט זיך אויס, אומגעשטערט, בלינד־צע־שטעריש, (אומדירעקט,) אין אַבסאָלוטן הסכם און דראַנג פון איר טבע, (אומדירעקט: אין די אַלע מאַסן־ספּעקטאַקלען: ארייגערעכנט טעאַטער, קינאָ א. אַ.; אין די גראַנדיעזע פייערונגען, ריזיקע פּאַלקס־מאַרשן, פּאָבל־האַפטע בוי־פאַרמעסטן, קאַמפּס־ספּאָרט־אָנשטרענגונגען א. א. וו., א. א. וו.), — טוט זי זיין, אין דער זעלביקער צייט — די מעכטיקע טרייב־קראַפט: פאַר דעם אינטעלעקטס ליכטיקע קאָנסטרוקטיווע קולטור־פּאָרומס; פאַר זיינע אַלץ־נייערע פאָרמען פון וואוקס, פון קיום, פון גיין פאָרויס...

אָבער: צי בלייבט זי דען, די בלינדע אימפּולסיווע ענערגיע פון דער מאַסע, באַפרידיקט — מיט דעם ס ו ר אָ ג אַ ט פון איר אויסלעבונג; מיט דער א ו מ ד י ר ע ק ט ע ר נאָכגעבונג פון איר טבע; מיט דעם ס ו ב ס ט י ט ו ט פון איר פינצטער־צעיושעטער (אינערהאַלב דער־געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער פאָרם — ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר ע ר) שטרע־בונג צו צעשטערונג; צו עכטער ד י ר ע ק ט ע ר אַלצפאַרניכטונג?..

— ניין. קיינמאָל אין דער וועלט נישט. זי, די, מאַסע, וועט קיינ־מאָל נישט שלום־מאַכן — מיט די טובות פון איר גרויסמוטיקן דעמאָ־קראַטישן שונא: וועלכער ליבט — אליין, צ ו ה ע ר ש ן; און אויך איר לאָזן לעבן און ז י ך ־ א ו י ס ל ע ב ן ... ניין. זי וועט איר בלוטיק־פינצטערע צעקאָכטע נקמה־שנאה צו אים נישט נאָכלאָזן אַף אַ האָר. זי וועט ז י , די שנאה, נאָך ווילד־צעיושעטער לאָזן אויפפלאַ־קערן אין זיך — צ ו א י ם , מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין אַבשיילע־כער דעמאָקראַטיע, מיט זיינע פאַראַכטלעכע טובות — פאַר איר!.. זי וועט נישט רוען — אַ רגע. זי וועט לויערן, פינצטער־פאַרברענט, אָן אָפּדעך — באַטאָג־באַנאַכט...

(און וואָס לענגער עס וועט דויערן די אינטעלעקטועל־ליבעטיקע מילי־טאַנטישע עקסטרעם־פרייע דעמאָקראַטיע פון דער סאָציאַלער געזעלשאַפט, — אַלץ ערגער וועט עס זיין, און אַלצגרעסער וועט זי אין געפאַר זיין: צו ווערן בלוטיק געשטירצט — דורך דער בלינד־אימפּולסיווער מאַסע, וועל־כע לעבט זיך נישט אויס דירעקט...)

דערפאַר — ווי געזאָגט: וועט זי לויערן אַזוי לאַנג, די מאַסע, — ביז זי וועט אים נישט פּאַקן, ענדלעך, איר גרויל־האַפּט־בלוטיקן אינטע־לעקט־שונא פון אייביק ביז אייביק; אים דערווערגן, אויף שטיקער צעררייסן; פאַרצווייפלט־ספּאַזמאַטיש, אוממעכטיק־אַלמעכטיק, אַ סוף־מאַכן צו זיך און צו אים — מיט זיינע טובות, מיט זיין נבזהדיקער דעמאָקראַטיע צו־זאַמען!..

געוויינלעך, ווען די רייף־געוואָרענע באַוואוסטזיניקע אינטעליגענץ קומט איבערנעמען די מאַכט אין דער געזעלשאַפט, (אין אַ לאַנד, באַ אַ פאָלק; למשל, דער ראַטנפאַרבאַנד,) — טרעפט זי דאָרט אָן, פון פריערט — אַ ברוטאַל־איינגעשטעלטע אימפּולסיוו־דיקטאַטאָרישע בלינדע דעמ־פּאַטיע, וועלכע שאַלטעט און וואַלטעט אין דער געזעלשאַפט — פון אויבן ביז אַראָפּ, אַליינהערשעריש, טיראַניש; נישט־דולדנדיק דעם דעך־אפילו דערפון: פון צולאָזן די מעגלעכקייט צו טיילן די מאַכט מיט עמיצן אַנ־דערש...

די באַוואוסטזיניקע אינטעליגענץ, דאַרום, זעט זיך געצוואונגען — דורכצופירן אַ רעוואָלוציע: מיט דער הילף פון אירע אומצייליקע חילות, ((די היסטאָריש־דינאַמישע פּראָלעטאַרישע מחנות פון אינטעלעקט, וועל־כע זענען באַשטימט, דורך דער געשיכטע, (דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן כו־חות־שפּיל,) — און אפילו אָן זייער וויסן (מיט זייער באַוואוסטזיין) אַליין דערפון... — צו זיין: דער אינטעלעקטועלער קאַמפּס־אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט...)) וועלכע זענען אַזוי בשפע צעשטעלט איבער דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איבער דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. מיט איין וואָרט: נעמען די מאַכט — אויף כוח!..

נאָכדעם, ווי די אינטעלעקטועלע אינטעליגענץ האָט שוין די מאַכט איבערגענומען, — דאַרף זי גלייך אָנהויבן זאָרגן: ווי אַזוי זי איינצוהאַלטן — לטובת דער גאַנצער געזעלשאַפט...

זי, די אינטעלעקטועלע אינטעליגענץ, טרעפט, איצט — אויף אַלע פאַר־אַנטוואָרטלעכע אָנפירנדע פּאָזיציעס פון דער געזעלשאַפט — רוטינירטע געשולטע באַאַמטע; די אַזוי־גערופענע ע מ אָ צ י אָ נ ע ל ע אינטע־ליגענץ פון אַלטן געשטירצטן רעזשים. און זי איז געצוואונגען — די אינ־טעלעקטועלע אינטעליגענץ — זיי צו לאָזן, דערווייל, אויף די פּלעצער; (הגם זי איז זיכער: אַז זיי וועלן סאַבאָטירן: ווייל זיי וועט אייביק ציען

צום אַלטן; און, ווי אַלטע, קענען זיי שוין קיין נייעם מושל ערלעך נישט דינען; זיי זענען — דער אַלטער דור-המדבר, וואָס מוז שוין אַזוי אויס־שטאַרבן...) און אונטערדעסן — בשעת זי, די אינטעלעקטועלע אינטע־ליגענץ, וועט האַלטן אַ אויג אַף די אַלטע דינער, — וועט זי, דערווייל, נע־מען, מיט דער צייט, צוגרייטן, אויס אירע אייגענע רייען — עס הייסט: אויס די רייען פון פּראָלעטאַריש־דינאַמישן היסטאָריש-באַרופן-צו- ז יי ן - פּ ר אָ ג ר ע ס י וו ן שיכט — אַ נייעם דור: נייע רעוואָלוציאָנער-ראַדי־קאַלע קאַדרען, וועלכע זענען עלול און באַרופן — צו פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון אַלטן אָפּשטאַרבנדן דור דינערשאַפט; און אַליין — אַפן אָרט פון די אַוועקגייענדע — נעמען, ערשט, העלפן דער ליכטיקער אינטעלעקטועלער הנהגה הראָשית: צו פירן די סאָציאַלע געזעלשאַפט: פון איין ליכטיקן אינטעלעקטועלן נצחון צום צווייטן — אָן אויפהער, אומדערמידלעך, אָן אָפּהאַלט...

אָבער: דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, געשעט — אַפן איבערפלאַך פון מענ־טשנס סאָציאַלער געזעלשאַפט. דאַקעגן, אין דער סאַמע טיף פון דער מאַסע (אין יעדן איינעם) בלייבט בושעווען, אַלציינס — דער אימפּולסיווער בלינד־צעיושעטער ים פון כאָאָס; באַ וועמען די אינטעלעקטועלע אינטע־ליגענץ, אמת, האָט איצט צוגענומען אַלע פירנדע אמטן; זיי באַזעצט — מיט אייגענע, באַוואוסטזיניק-טרייע: וועלכע דענקען — איינס מיטן אינ־טעלעקט; וועלכע פירן — באַנאַנד מיטן גרויסן שכלדיקן מנהיג — די נייע אויפגעריכטע מענטש־רעפּובליקאַנישע עקסטרעם־פרייע מיליטאַנטישע דע־מאָקראַטיע.

און דאָך, טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַף איין האָר אפילו: אַז

פּונקט ווי אַלע אַלטע פּראָגרעסיווע אינטעלעקטועלע דעמאָקראַטיעס פון אַלטערטום האָבן געהאַט זייער פונדאַמענט — אַף פ י נ צ ט ע ר ע ר שׁ ק ל אַ פ ע ר יי, — אַזוי אויך אין דער נייער מאָדערנער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע, בלייבט דער אימפּולס-עלעמענט אין דער מאַסע, (עס הייסט: אין יעדן איינעם, אין יעדן באַוואוסטזיניקן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט,) — אינערהאַלב זיין נייער פאָרום־און־שטייגער־תפיסה-שקלאַפעריי באַם אינטעלעקט —אין זיין תוך: — בלינד-אומדורכדרינגלעך-אומפאַרענדערט; פאַרביסן, אין זיין אייביקן פינצטערן לויער: אויסצוטשאַטעווען די שעה: כדי צו דערלאַנגען דעם שונא דעם פאַטאַלן בלוטיקן קלאַפּ, אומגעריכט, צע־שמעטערנד — אין קאָפּ אַריין; אַהין צילעווען, און גלייך אים פּלעצלעך צעפּלעטן פאַראַמאָל! און דאַן, אָ, אַליין אויפטויכן — אַזוי יונג צעבושע־וועט, ווי געוועזן; ווידער זיך־איינבייסן, ספּאַזמאַטיש אַלמעכטיק — אין דער מאַכט איבערן מענטש, איבער דער געזעלשאַפט — ביז אייביק!..

און עס איז געווען: נאָך אַ לענגערן געזונטן אַרבעטס פּעריאָד פון דער

סאָציאַל-באַוואוסטזיניקער אינטעלעקטועל-דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט: ווען זי מוז זיך גיין איבערענטפערן, אַף אַ מאָמענט, אין דעם שוים פון אנטשפּאַנונג, פון אַ געוויסער נאָכלאָזיקייט — פאַר דעם אומבאַדינגטן אָפּרו־וועגן, — אָדער: אַז עס קומט אונטער פאַר דער סאָציאַלער געזעלשאַפט — אַ געוויסער קריטישער מאָמענט, ערגעץ אַף אַ שיידוועג, (לאָמיר זאָגן — צייט פון מלחמה;): און ער — דער איבערגעלייגטער און אימער־וואַכזאַמער אינטעלעקט־דער־מנהיג — האָט צו דעצידירן, פאַטאַל און דרינגענד — דעם אויסוועג, די האַנדלונג, דעם אומפאַרמיידלעכן שפּאַן — און ער זאָל בלייבן, איין רגע, אין צווייפל, — און ער זאָל זיך דערלאַנגען — אַף איין האָר, אין פאַרלעגנהייט — אַ פאַלשן, אַ פאַרעטערישן וואַקל, — און גלייך זאָל אויפטויכן און אויפשטורעמען — אַזוי, אין ערשטן פאַל, פון אָפּרו; ווי אין אומצייליקע אַנדערע — מיט זיין גאַנצער ברוטאַל־צעיושעטער אימפּעטיקייט — דער בלינד-נקמה-דורשטיקער אימפּולס־עלעמענט פון דער מאַסע, (אין יעדן איינעם פון דער סאָציאַל־באַוואוסטזיניקער עדה); זיך אַ הויב־טון איבער זיין ביטערפאַרהאַסטן שונא פון אייביק; זיך אַ שליידער-טון אַף אים, ווי אַ בליצשנעל, ווי אַ בעסטיע; אים אַנטוואָפּענען, צעטומלען, פריטשמעליען; אים נישט לאָזן קומען צו זיך מער; אים בינדן, פענטען, איינקרעמפּעווען; זיך איינקלעמען, איינבייסן, איינשטשעמען אין אים; אים שוין נישט אָפּלאָזן מער; אויסגיסן אַף אים דעם גאַנצן פינצטער-צעיושעטן האַס...

...אָ, עס זאָל זיין מיין טויט מיט דיינעם צוזאַמען!..

„די עקסטרעמע פרייהייט פון אַ דעמאָקראַטיע פאַרבייט זיך תמיד אַף דעספּאָטיזם”. (פּלאַטאָן.)... דער אייביקער שווידערלעך־פאַטאַלער אמת פון מענטש און וועלט...

מוט צום אויפגאנג.

(דער וועג פון מענטש — צו מענטשהייט; און פון

מענטשהייט — צו מענטש.)

* * *

עס איז אַזאַ פרייד צו באַגעגענען מענטשן פּשוטע, ענערגישע,
וואָס איילן תמיד פאָרויס, מיט אַ ניגון, ווי צום טאַנץ;
ווי זיי זאָלן אייביק אין זיך אָטעמען יענע לופט, די פריי־בערגישע —
וואָס מאַכט זיי יונג, וואָס מאַכט זיי שטאַרק, וואָס האַלט זיי גאַנץ.

און כאָטש שווער איז די לאַסט, וואָס זיי טראָגן אין זיך —
אַזוי שווער און אומענדלעך, ווי ס'איז מ ע נ ט ש ־ א ו נ י ו ו ע ר ז, —
דאָך שוועבט אַזוי לייכט זייער טראָט, אַזוי גיך —
ווי די ריטמישע גראַציע פון אומשטערבלעכן פערז.

...אָ, סאַראַ טרויער צו באַאָבאַכטן מענטשן פרייע, ענערגישע,
וואָס ברענען בריקן הינטער זיך — אין ארויפמאַרש, ווי צום טאַנץ!
און אַליין רק ארומקריכן, אין די טאָלן אונטערבערגישע,
און סמיערדיען מיט זקנהשער „מאַראַל", ווי די וואַנץ...

טאָ, דערוואַך, מענטש — געפּעגטעטער צו שפּאָט און צו שאַנד;
דיינע גלידער גלייך אויס — פון פאַרחלשטן פּלעט;
זעסט איילן — אייל מ י ט צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד;
אָ, וויס — צו זיין י ו נ ג איז קיינמאָל נישט שפּעט.

טאָ, רייס־ א ו י ף פונעם שימל, אָ, מעכטיקער פאַרשטאַנד!
דו, אייביק־צוגעשמידטער צום שטיין פון גראַניט;
זאָלן בליצן פ ר אָ מ ע ט י ר ן דיין טונקעלן מערב־ראַנד;
און דונערן — באַגריסן דיין אויפגעראַשטן בליט!

...עס איז אַזאַ פרייד מיטצואיילן מיט מענטשן פּשוטע ענערגישע,
און ברענען בריקן הינטער זיך — אין ארויפמאַרש, ווי צום טאַנץ!
אָ, אייביק אין זיך אָטעמען יענע לופט די פריי־בערגישע,
וואָס מאַכט אונז יונג, וואָס מאַכט אונז שטאַרק, וואָס האַלט אונז גאַנץ!

גלויבן

נישט פאַרצווייפל, חבר; אָ, ווער נישט געפאַלן
פון דעם, וואָס דאָס לעבן איז אַזוי וויסטיק־צעשטערט;
וואָס דער ברודער האָט דערוואָרגן זיינע אַלע אידעאַלן,
און די פינצטערע זעל — צום טיוול באַקערט.

אַ, גלויב: כּל-זמן ז ו ן וועט זיין אף דער וועלט, —
וועלן דיכטער פֿאַרמישן זייער בלוט אין אירע שטראַלן
און שליידערן דאָס וואָרט, אַזוי טראַגיש-צעהעלט,
אין די פֿינצטערע שטייניקע הערצער — קינזשאַלן!

און ווידער וועלן אויפשלאָגן, ווי פּלאַטערנדע טויבן,
די אייביקע מענטשלעכע קאָביקע קוואַלן...
אַ, ברודער מיין, האַרציקער — אין מענטש מוז מען גלויבן!
נישט קיינמאָל פאַרצווייפלען; נישט בלייבן געפאַלן.

די שטענדיקע געפֿאַר פֿון דער רעאַקציע

אומעטום, אַפֿילו אונטער דעם פֿאָרגעשריטנסטן דעמאָקראַטישסטן רעזשים, דראָעט פֿערמאַנענט די געפֿאַר פֿון אַ טיראַנישער פּאָליטישער רעאַקציע.

און מעג דער פֿרייער דעמאָקראַטישער רעזשים ווי-לאַנג אָנהאַלטן, — וועט דאָך דאָס נישט-אָפּהאַלטן דעם טיראַן-אין-פּאַטענץ (נאָר, גיכער, אים נאָך סטימולירן און אונטערגעבן מוט: אַקוראַט, ווי מע איז — אײנס מיט אים; אַקוראַט, ווי מע וואָלט אים — אַליין האָבן, אין דעם אייגענעם שוים, אויסגעוואַרעמט, אויסגעטראָגן, פֿאַרטראַכט און צוגעגרייט) — אונטערצונעמען די רעאַקציאָנער־פּאָליטישע פֿאַרשווערונג, דעם פֿאַרטיליקונגס-קאַמף אַף דער דעמאָקראַטיע.

אָבער, קלאָרער: אַף וואָס-זשע פּאָרט רעכנט ער אויס, דער טיראַן? אַף וועמען שטעלט ער? ווער־זשע דאָך זאָל-זיין זיין אָנשפּאַר?

הערט־זשע זיך איין: די זעלבע מאַסן, אַף וועמען עס שפּאַרט זיך אָן די דעמאָקראַטיע.

נאָר — ווי-זשע קאָן דאָס געמאָלט זיין?! היתכן?! די מאַסן געפֿינען זיך דאָך, אַזאַ לאַנגע צייט, דערצויגן אַף דעמאָקראַטיע?! טאָ, וויאַזוי וועלן זיי זי גאָר קענען פֿאַראַטן?!

און דער ענטפֿער איז: דווקאָ דערפֿאַר. עס הייסט, אַז אין דעם גופֿאָ שטעקט די צרה — וואָס די דעמאָקראַטיע האָט זיך צו־לאַנג פֿאַרצויגן; צו-אינטים געוואָרן מיט דער מאַסע, זיך-צופֿיל פֿאַר איר אָפּגעדעקט, זיך פֿאַר איר געוויזן, זיך איר געגעבן; און, במילאָ: איך געוואָרן, דער מאַסע — איבלדיק, דערווידער, שווידערלעך פֿרעמד און ווייט, מוראָדיק־פֿאַראַכטלעך. פּונקט ווי דער לאַנג־רואיקער ים ווערט דאָס, ענדלעך, (עס מיינט — דערווידער, מיט דער רו,) — פֿאַר זיך אַליין; און ער ברעכט אויס, פּלעצלעך: אויס שרעקלעכער שטילקייט — אין שרעקלעכן שטורעם...

ווייל זי — די דעמאָקראַטישע טענדענץ, אין יעדן איינעם פֿון אונז — שפּאַרט זיך אָן, אויסשליסלעך: אַף דעם אינטעלעקטועלן אַנטיטעטישן עלעמענט פֿון אונזער מאָרך; וועלכער האָט די היסטאָריש-אוניווערסאַלע אויפֿגאַבע: צו טרייבן דעם אוניווערס און די מענטשהייט — אין פֿאָרויס.

דערפֿאַר, שטעקט אָבער, גלייכצייטיק, אין יעדן איינעם פֿון אונז — די טיראַנישע טענדענץ, וואָס שפּאַרט זיך אָן, אויסשליסלעך, אַף דעם אימפּולסיוון טעזישן עלעמענט פֿון אונזער האַרץ, וועלכעס האָט די **אַנטי-היסטאָריש - אוניווערסאַלע טענדענץ: צו טרייבן דעם אוניווערז** און די מענטשהייט — אַף צוריק, צו אור־כאַאָס און אומקום.

אַט די פינצטער-אימפּולסיווע עלעמענטן-וועלט אין יעדן איינעם פון אונז איז נישט — צום אויסגעראָטן ווערן, באין-אופן: ווייל זי איז — די בלינדע ענערגישע טרייב-קראַפט פאַר דעם אינטעלעקטס קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען; עס הייסט: אַז, אינערהאַלב זיינע קאָנסטרוקטיווע פורעמס, בלייבט (און עס מוז בלייבן) די בלינדע אימפּולסיווע ענערגיע (נישט-אַנדערש, ווי די סתם-אומאָרגאַנישע עלעמענטן-ענערגיע — פייער, וואַסער, עלעקטריע, א. א. — אין דער נאַטור,) — סיי ע ק ז י ס ט י ר ן, סיי א ו מ ג ע ע נ ד ע ר ט, אין איר טבע, אין איר טענדענץ צו צעשטערונג; און אַט די דאָזיקע טענדענץ צו צעשטערונג מוז איר, דער בלינדער אימפּולסיווער ענערגיע, נאָכגעגעבן ווערן פולשטענדיק, (עס הייסט, אַז זי מוז זיך אין איר טבע אויסלעבן,) כדי זי זאָל קענען אָנגיין, ווי די טרייב-קראַפט — אינערהאַלב דעם אינטעלעקטס סאָציאַלע תפיסה-פאָרומס — צו אינטעלעקטועלער בויונג.

און פרואווט אָפּנעמען בא איר — בא דער בלינדער אימפּולסיווער ענערגיע — (אויב אַזעלכעס וואָלט גאָר, בכלל, געקאָנט געמאָלט זיין,) איר טבע, — אַזוי וואָלט איר, דאַדורך, גלייך פון איר אוועקגענומען — די טרייב-קראַפט אַליין; און דאָס וואָלט, במילא, אומפאַרמיידלעך, געפירט דערצו: דאָס אַלע רעדער פון אינטעלעקטס מאָטאָרן וואָלטן געבליבן שטיין פאַראַליזירט, אָפן אָרט.

דאַקעגן, לאָזנדיק איר בא איר טבע, — גיט זיך דער אינטעלעקט אַן עצה מיטדערמיט: וואָס ער לאָזט איר זיך-אויסלעבן אין איר טבע, און אינערהאַלב זיינע קאָנסטרוקטיווע פאָרומס — א ו מ ד י ר ע ק ט (פונקט ווי עס געשעט מיט דער סתם-אומאָרגאַנישער עלעמענטן-ענערגיע — פייער, עלעקטריע, דאַמף — וועלכע זענען די טרייב-קראַפט פון פאַרשיידענע מאָטאָרן;) עס הייסט — אין אַ סוראָגאַט, אַן אימיטאַציע פון אויסלעבונג; אַ אילוזיע פון כאַאָס; אַ אימאַזשינאַציע פון צעשטערונג.

אַזוי — ווי געזאָגט — טוט אינטעלעקט שפּייזן צום פאַרצערן גרויסע פייער-אויוונס: מיט ריזיקע שטויסן האָלץ, בערג מיט קוילן; וועלכע דאָס פייער טוט צעשטערן-פאַרלענדן — ביז לעצט; באַפרידיקן זיין טבע פון אומברעג — דורכויס; און דאָך — און דווקאַ דערפאַר — טוט עס פּראָדוצירן ענערגיע, טרייב-קראַפט פאַר אינטעלעקטס מאָטאָרן, וועלכע שטעלן אויף, וועלכע בויען.

אַזוי האָט דער פאַרצייטישער קעניג — אין זיין דראַנג צו פליען — פאַרקלערט אַ פּלאַן: גענומען און אויפגעשטעלט אַ שטול מיט פיר שטאַנגען בא די עקן; אָנגעשטאָכן אָפן שפּיץ פון יעדן שטאַנג אַ שטיק פלייש; צוגעבונדן בא יעדן שטאַנג פונונטן — אַ מעכטיקן האַלב-אויסגעהונגערטן אָדלער; און אַליין האָט ער זיך געזעצט אַף דער שטול אינדער-

מיט, געוואָרט... און עס איז געווען: אַז די אַדלער־מאַסע האָט זיך גענו־מען שטרעקן אַרויפצו, צום פּלייש — אין איר אימפּולסיוון ליבע־האַס־דראַנג, עס צו פּאַרצערן, — האָט זי זיך גענומען הויבן צום רוים, — און יענעם קעניגס אינטעלעקטועלער טרוים — צו פליען — איז, דאַדורך, געוואָרן — אַ ווירקלעכקייט.

און אַקוראַט אַזוי, גיט אינטעלעקט — ד ע ר פּ י נ צ ט ע ר ע ר פיזיאָלאָגיש - אימפּולסיווער וועלט, אין יעדן איינעם סאָציאַלן מיטגליד פון אַ געזעלשאַפט — ד י ש פּ י י ז צום פאַרצערן, פאַרניכטן, צע־שטערן; עס הייסט, באַפרידיקן די אייגענע אימפּולסיווע טבע פון אומ־ברענג און פון כאַאָס; נאָר, אין דער זעלבער צייט — דאַדורך, טאַקע — קרעפּטיקן, פורעמען, איבערבויען דעם אייגענעם, פון אינטעלעקט־געפורעמטן, אָרגאַניזם, אַלס גאַנצן.

און נאָך עפּעס: דער זעלבער אינטעלעקט גיט די מעגלעכקייט צו איינשאַפן-זיך די דאָזיקע שפּייז — פאַר פאַרצערונג, — און די מעג־לעכקייט אָנטייל-צו־נעמען אין אַ רייע אַנדערע אַנטי־סאָציאַלע אימפּול־סיווע צעשטער-אַנטשפּאַנונגען: ווי אַלערליי פאַרווײלונגען, פאַרשווענ־דונגען, צעבושעוועטע אויסברענגונגען, — אויסשליסלעך: דורכן סילוקן, אַפּריער — געזונטע קאָנסטרוקטיווע סאָציאַלע אַרבעט: אין אַלע אָפּצווייגן און אויף אַלע געביטן פון אַ געזונטער סאָציאַלער געזעלשאַפט; עס הייסט — אינערהאַלב דעם אינטעלעקטס קאָנסטרוקטיווע פורעמס: פ ו ן דער ביוראָ, ביז דער פאַבריק א.א.וו.

אַלזאָ, ווי מע זעט: אינטעלעקט, דערנערט פון אימפּולס. זין, וואָס זויגט פון אומזין.

נאָר — ווי דערמאָנט — אָט די אַלע א ו י ס ל ע ב ו נ ג ע ן פון דער בלינדער אימפּולסיווער ענערגיע, אין יעדן סאָציאַלן מיטגליד פון אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, און אינערהאַלב די סאָציאַלע צוימען פון דער זעלבער, זענען — א ו מ ד י ר ע ק ט ע ; עס הייסט — סור־ראָגאַטן, אימיטאַציעס פון אויסלעבונגען; (אַריינגערעכנט אפילו די פ אַ ר ש ט י י ג ע ר ט ע „אויסגעשפּאַנטע" אַלערליי פאַרווײלונגען;) א י מ אַ ז ש י נ אַ צ י ע ס ב ל ו י ז פון צעשטערונגען. זיי זענען, דאַרום, נישט אומשטאַנד צו לעשן דעם ברען־דורשט אין קיינעמען, און די לעכצעניש — צ ו ע כ ט ע ר ד י ר ע ק ט ע ר א ו י ס ל ע ב ו נ ג — דורך צעשטערונג, בראַנד, מאָרד, ברוטאַלער הפקר-אַנטשפּאַנונג, אויסראָטונג-פאַרניכטונג פון אַלע סאָציאַל־אינטעלעקטועלע קאָנסטרוקטי־ווע פורעמס און צוימען; און אַליין נעמען אויספּליסן — לאַווע־פאַרצערנד — אין אַ אַבסאָלוט־אומברענגענדער אַלץ-ניוועלירנדער דעספּאָטישער טי־ראַניע; וועלכע שרעקט זיך נישט; נייערט — פאַרקערט — וועלכע נעמט

זיך פאַר דעם, מיט באַנייטער צאַפּלדיקער פרייד: — צוריקצודרייען די ראָד פון דער געשיכטע — אַף צוריק; אַ, אַלץ, וואָס געווען, וואָס גע־רעדט, וואָס דערצויגן, וואָס איינגעשטודירט, וואָס — לאַנג, דורך דורות — איינגעקנעלט מיט דעמאָקראַטישע מאַסן, — זאָל, מיטיינמאָל, אָפּגע־מעקט ווערן פון געדעכעניש, מיטן געדעכעניש צוזאַמען; אין אַ אָפּגרונט זאָל עס פאַרזונקען גיין; און אַלעס, מיט פרע־היסטאָרישער אור־דזשונג־לישער פרייד, זאָל נעמען טראָגן, מיט אַ פּאַליש, פריי־אומגעשטערט, צו אומקום!..

●

אָבער — פּאַמעלעך; נישט־איבערגעראַשט, מיינע פריינט; נישט פאַרצווייפלט. דאָס איז בלויז — איין אומפאַרמיידלעכער קער פון דער ראָד פון דער געשיכטע...... קוקט אייך צו, אדרבה, אַליין, צום גאַנג און באַוועגונג פון אַ ראָד — וועט איר גלייך איינזעען: אַז, איידער זי טוט אויסצירקלען איר קער אין פאָרויס, — מוז זי, אַפריער, מיט איר גאַנצן פאַרנעם, אַ קער־טון־זיך אַף צוריק ... כי גלגל החוזר בעולם הוא... אַזוי איז דער סאָציאַלער גאַנג פון דער אוניווערסאַלער מענטשהייט — אין איר געראַנגל צווישן אַנטיטעזע און טעזע, צווישן אינטעלעקט און אימפּולס, צווישן דעמאָקראַטיע און טיראַניע; אַ גאַנג, אין עטאַפּן. איין קער אַף פאָרויס, — באַדינגט, אומפאַרמייד־לעך, אַ קער ארום־זיך, עס הייסט — אַף צוריק. און פאַר־קערט, ווידער: איין קער אַף צוריק — באַדינגט, אומבאַדינגט, אַ גלייך־נאָך־אים־פאָלגנדן — קער אַף־פאָרויס. דאָס איז — די טבע פון דער ראָד, איר פּאַטום...... און דערפאַר: ווען דער טיראַן נעמט דרייען די ראָד פון דער געשיכטע אַף צוריק — מיינענדיק, אַז ער טוט עפּעס, אַפּן דראַנג־אויסדריקלעך פון זיין אייגענעם ברוטאַלן אימ־פּולס, — טוט ער, אין דער וואָר — ווי אַ בלינד ווערקצייג, אין רשות פון גורל, — אָנבאַרייטן — דעם נייעם אומפאַרמיידלעכן קער פון דער זעלבער ראָד אַף פאָרויס...... און אַזוי — אָן אויפהער, אין עטאַפּן — גייט די ראָד פון דער אוניווערסאַלער געשיכטע — אימער, פאָרויס.

נאָר — וואָס מע מוז, דערביי, געדענקען — איז: אַז — לויפן לויפט זי, די געשיכטע־ראָד, אין פאָרויס, תמיד — אַ י־בער דעם קייַלעכדיקן ראַנד פון אַ אַנ־דערר ראָד; אַ גרעסערער פון איר, אמת; אָבער דאָך — אַ ראָד.

אַזוי, למשל, לויפט אַ ראָד ארום זיך אין פאָרויס, איבערן שטח פון כדור־האָרץ.

אַזוי דרייט זיך דער כדור־האָרץ ארום זיך גופא, און ער צייכנט, אין

דער זעלבער צייט, א געשלאָסענעם קרייז, אין פּאַרויס, ארום א גרעסערן כדור פון זיך — ארום דער זון.

אזוי גייט דער מענטש: ארום זיך־גופא; און ארום דער וועלט, ארום דעם לעבן, ארום דער מענטשהייט, ארום דער נאַטור, ארום דעם אוני־ווערז, ארום דעם קאָסמאָס.

נישטאָ קיין — פּאַרויס־אין־זיך, חבר. עס איז — קרייזן איבער קרייזן. קלענערע — ארום גרעסערע; און די — ארום נאָך־גרעסערע, א. א. וו.; און אזוי — אָן א סוף און אָן א גבול. אומענדלעך פאטאלער אַנסו־פיקער געיעג צו אנטלויפן. פאטאלע אָפגעשלאָסענע קרייזן — אומעטום.

ניין. נישטאָ קיין אויסוועג — וואוהין צו אַנטלויפן מער.

און דער עלנטער מענטש, א מידער, טוט צוריקקערן ווידער: פון זיין אוניווערסאלן וואלצער־געיעג — צו זיך...

דער גלגל החוזר בעולם הוא.

די ראָד באוועגט זיך פאָרויס — נישט־אנדערש, ווי זיך־באוועגנדיק, טון פארקערן, אין א קרייז, ארום זיך גופא. אזוי האלט אויך אָן דער גאַנג־פּאָרויס פון אונזער פלאַנעט — ארום דער זון: און שלאָגט־אָן — איינצייטיק מיטן טאָג, (דער לויף־פּאָרויס, מיטן פּנים צו דער זון) — אויך די נאַכט, (דער ענגער בלינדער פארקער־ארייַנקער ארום־און־אין־זיך אליין.)

דאָס ארומגיין ארום זיך, דאָס איז — די רעזיסטענץ־קראפט, די סטאטישע טעזע־טענדענץ, וועלכע באַדינגט — מחמת דעם איינשטעלן גלייכגעוויכט — יעטוועדן דינאמישן דראנג, די באוועגונג אין פּאָרויס.

און דאָס אייגענע איז — מיטן מענטש. ער קאָן זיך נישט באוועגן אין פּאָרויס, מיט זיין מארך, זיין דינאמישן אינטעלעקט — אָן צו פאר־קערן־ארייַנקערן ארום־און־אין זיין בלינד־סטאטיש הארץ־און־אימפּולס. ער קאָן זיך נישט באוועגן — מיטן פּנים צו דער זון, צום טאָג פון דער צוקונפט, — אָן זיך־אומצוקערן־פארקערן — ארום דער נאַכט פון זיין עבר, און אפילו פון זיין הווה: וועלכע איז — די פאטאלע אומפארמייד־לעכע בייז־באגלייטעניש פון זיינע צוקונפטיקע טעג; דער געדיכטער שווארצער פאָן, איבער וועלכן עס ראַשט אויף — אין בליונגס־דראנג, אין פּיין פון געבערן — די יונגע אויפשלאָגנדע פרייד פון זיין ליכט.

כי גלגל החוזר בעולם הוא.

דער מענטש לאַכט

דער דורכשניטלעכער געדאנק — נישט, דער אבסטראַקטער; נאָר דער געדאנק, וואָס האָט גענידערט און זיך באַהעפט מיטן לעבן, —

קאָן זיך אַנדערש נישט צ יי ג ן ק ל אָ ר, סיידן — אין דער דע־קאָראַציע; אין דעם, אַזוי־גערופענעם — לעבנס־שטייגער.

נעמט־צו באַם דורכשניטלעכן געדאַנק פונעם אויג — זיין אַנשפּאַר אַף דער דעקאָראַציע אינעם לעבן, — אָדער גאָר — גייט און טוישט איין דעקאָראַציע אַף אַ אַנדערער, — און גלייך וועט דער באַרנלאָז־געבליבע־נער פאַרטושטער געדאַנק אומקומען.

עס איז דער פאַל מיט יענעם פאַרגעשריטענעם אַזיאַט, וועלכער איז, מחמת געוויסע סיבות, געוואָרן אויפגעקלערט און, אוים רחמנות אַף זיין ווילדן פינצטערן שבט, — איז ער אַוועק אין דער גרויסער וועלט: שטו־דירן, כדי, מיט דער צייט, אַהיימצוברענגען פאַר זיינע אָרעמע ברידער — דאָס ליכט פון ציוויליזאַציע.

אַזוי האָט ער געלעבט — יאָרן, אין דער וועלט; זיך־אַנטוויקלט, אָנ־געזאַפּט מיט קולטור; געוואָרן אַליין — ציוויליזירט־מאָדערן דורך־און־דורך. אָבער זיין גרויסער פלאַמיקער מרוים האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו זיין: — ער זאָל דאָס ליכט ברענגען אַהיים, צו זיינע ברידער.

ביז, יענער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג איז, ענדלעך, פאַר אים געקו־מען. און ער האָט זיך־אויפגעהויבן, אַ צעשטראַלטער פון גליק; אין גע־איל, זיך־געלאָזן אין וועג.

אָנגעקומען אַהיים איז ער — גראָד אין אַ מאָמענט: בעת זיין ווילד־געבליבענער שבט האָט געהאַלטן אין מקריב־זיין אַ קרבן צום שטיין; גע־פילדערט און געטאַנצט אַרום, אין אויסערזיניקן פרענעטישן עקסטאַז...

און עס איז געווען: ווי נאָר ער האָט דערזען דאָס בילד, נאָך פונ־ווייטן, און עס האָט זיך גענומען דערטראָגן צו אים דער גוואַלדיקער ליאַ־רעם, דאָס געזאַנג, — אַזוי איז ער גלייך געבליבן — אַף־טויט־דערשראָקן־געפלעפט. נאָר, באַלד האָט ער אויפגעשוידערט — פון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט זיך געטון אַ ריס פון זיין אָרט און — אָן אַ אָטעם, אָן אַ צורה — געלאָזן לויפן צו זיינע ברידער. איבערן וועג, האָט ער ספּאַזמאַטיש געפליקט פון זיין גוף די מלבושים, אין וועלכע ער איז געקומען אַהער צופאָרן — פון דער גרויסער וועלט. ביז, ער האָט געגרייכט צו זיין שבט — אַ ווילד־נאַקעטער אינגאַנצן; זיך־אַריינגעדרענגט אין סאַמע זאַט פון דעם געפלאַטער, פון אויסגעשפּאַנטן ליאַרעם; און — אַ באַפרייטער, מיטיינמאָל — אַ לויז־געבליבענער פון די שווערע פענטן, וואָס האָבן, אַ, די גאַנצע צייט, געפרעסן זיין לייב, אים געהאַלטן פאַרשמאַכט, אין דער פרעמד — און ע ר ש ט, אָן אויפגעלעבטער, אָן אויפגעשלאָ־גענער, ווי ד ע ר, מיט אומויסדריקלעך גליק — ווי אַ דערוואַכטער, אַלציינס, צום לעבן — פון טויט, — האָט ער גענומען שפּרינגען און בריקען אַרום יענעם קרבן־שטיין פונעם שבט — מיט מער־נאָך ווילד־פרענעטישן עקסטאַז — פון אַלע...

און געשען איז דאָס אַלץ — כּחמת איין קליינוּקייט: אַ טויש פון דער דעקאַראַציע...

און כאָטש די דעקאָראַציע — אַט די קלאָרע צייגעניש — איז, אייגנטלעך, אין איר באַשטאַנד: אַ צוזאַמענשטעל פון שאַרפע סתירות, וועלכע שליסן אויס, עקסטרעם־קאַטעגאָריש, איינע די אַנדערע, און איטלעכע פאַר זיך אַליין איז — לחלוטין־בלינד, ((ווי, למשל: שוואַרץ־ווייס, (וואָס איטלעכער קאָליר אַן־און־פאַר־זיך, אָן דעם הינטערגרונט, לאָז־זיין אפילו אין דמיון, פונעם צד־שכנגד, צייגט אַליין — גאָרנישט,) טעזע־אַנטיטעזע, א. א. וו.)), — פאַרמאָגן זיי אָבער, אַט די בלינדע סתירות, יענע מערקווירדיקע אייגנשאַפט: אַז — געשטעלטע אין שאַרפן קעגנזאַץ, איינע לגבי די אַנדערע, — איז — גראָד דער־פאַר, עס הייסט, דווקא מחמת זייער קעגנער־שאַפט — נעמען זיי אָנרעגן, מאַכן שפּירעוודיק אין אונז, זעבאַר — געוויסע סענסאַציעס; וועלכע רוקן אַרויס אין פאָדערגרונט — אַ פולע קלאָר־געצייגטע און גאַנצע שטייגער־דעקאַראַציע. (עליי: — × — = +)

אָבער, אַט די שטייגער־דעקאָראַציע בלייבט אייביק אונטערגעוואָרפן — דעם באַדינג פון פּראָפּאָרץ. (אַזוי־גערופענע — תנאי־רעפלעקסן.) עס מיינט צו זאָגן: אַז אַט די בלינדע שאַרף־קעגנגעזעצטע סתירות זאָלן זיך ראַנגלען און שייכותן צווישנאַנאַנדער — אין אַ אָנגענומענער פּראָ־פּאָרץ. (דער שטייגער.)

יעטוועדע צעשטערונג אין דער אָנגענומענער פּראָפּאָרץ, אין דעם גלייכגעוויכט פונעם שטייגער — עס הייסט, אין די תנאי־רעפלעקסן פון דעם קלאָר־זיך־צייגנדן געדאַנק — רופט אַרויס:

באַ חיות (ווי עס איז באַוואוסט, למשל, באַ הינט,) — אַ צע־שטערונג פון דעם זין; אַ אומזין.

באַ מענטשן — אַ געלעכטער, (אַ רעאַקציע קעגן דעם אומזין...), אַ חוזק פון דעם גראָטעסקן בילד, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט, זיין פּראָפּאָרץ און געוואָרן, דאַדורך — קאָמיש, לעכערלעך, אומזיניק...

אַזוי לאַכט דער געזונטער בר־דעת — פון יעדן אָפּגעלעבטן שטיי־גער, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין פּראָפּאָרץ, זיין גלייכגעוויכט, זיין אחיזה אינעם לעבן; וואָס קאָן זיך שוין אַליין אויף די פיס נישט האַלטן; און וויל דאָך נישט פאַרשווינדן. (דאַקעגן, באַ דער שוואַכזיניקער מאַסע רופט דאָס אַרויס — אַ צעשטערונג פון זין; אַ אומזין.) אַזוי לאַכט ליטעראַר שכל — פון שיקערן אימפּולס־אַקטיאָר. אַזוי לאַכט מענטש־רעבעל — פון די געטער אין דעמערן. אַזוי לאַכט די נייע אויפגייענדע וועלט — פון דער אַלטער.

דער אַבסורד פון דער עספּעראַנטע.

די גרעסטע נעגאַציע פאַר דער עספּעראַנטע איז: דער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך, אָפּן פראָנט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה...

עס האָבן זיך דאָרט צעקריגט, איינמאָל, אַ גרופּע ענגלישע סאָלדאַטן, מיט פראַנצויזישע; און יעדער צד האָט דערלאַנגט לשון — אויף ז יי ן שפּראַך...

אין דעם, איז אַנגעגאַן אַ נ. אַמעריקאַנער אָפיציר. ער האָט גראָד געקאָנט פראַנצויזיש; און עס האָט זיך אים פּאַרוואָלט: נעמען און אויפקלערן פאַר ביידע שטרייטנדע צדדים — דאָס מיספאַרשטייעניש.

נאָר, באַ דער זייט, איז געשטאַנען איין אידישער סאָלדאַט, וואָס האָט דאָס אַלצדינג צוגעזען. האָט ער אים אָפּגעהאַלטן.

— לאָז זיי... עס איז אַ גליק ד אָ ס — וואָס זיי פאַרשטייען זיך נישט...

די פאַרשיידענע לשונות, אַלערליי אַנדערשדיקע מנהגים, שטייגערס, נאַציאָנאַלע טראַכטן, כלערליי דיפערענצן — זענען איינגעפירט געוואָרן, מיט דעם איינציקן גאָבעלן ציל: — כדי צו פאַרטיפן ד אָ ס נ י ש ט - א יי נ פ אַ ר ש ט יי ן - ז י ך צווישן מענטש און מענטש; כדי צו פאַרשטעלן און צו פאַרשלייערן — איינעם פאַרן אַנדערן. פּונקט ווי איטלעכס לשון, בכלל — ד י פ ר אַ ז ן , זענען בלויז — ד י ס פּ ר אַ ז ן פאַר דעם, וואָס מע איז אַליין...

די איינציקע ערבות פאַרן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן איז — דאָס נישט-איינפאַרשטיין זיך.

עס איז פּונקט: ווי אַ פרוי פאַלט אַריין צווישן צוויי אויסוואורפן. בלייבט זי אַזוי לאַנג זיכער אין איר אומבאַרירלעכקייט — כל־זמן יענע קענען צווישן זיך וועגן איר נישט-דורכקומען...

אויף אָט דעם גלייכגעוויכט צווישן קעגנגעזעצטע זיך־באַשטרייטנדע צדדים — אַלס התחלה, אַלס יסוד פאַרן מענטשנס זיטלעכקייט פון דער משפּחה, — ווייזט אָן פּר. פרויד אין אַלע זיינע ווערק; וואו ער שילדערט א ז ו י דעם פּרעהיסטאָרישן בראשית: אין תחילת, האָבן די אויסגעוואָקסענע זכרים־זין אין אַ משפּחה דערמאָרדעט דעם טאַטעס: אום צו פאַרכאַפּן אַלע זיינע פרויען — דער מוטער און די אייגענע שוועסטער, מיט וועמען דער טאַטעס האָט געלעבט, — פאַרן אייגענעם גענוס. געקומען אָבער דערצו, — האָט איטלעכער פון זיי באַגערט, ערשט, אַלע טאַטעמישע פרויען — איינגאַנצן פאַר זיך...... איז, אָט די דאָזיקע נישט־איינפאַרשטענדעניש האָט איינגעשטעלט, מיט גוואַלט — דעם קעגנזייטיקן גלייכגעוויכט פון אומבאַרירלעכקייט צו די פרויען פון אומגעבראַכטן

טאַטעם: ווען מע האָט שוין, נאָכהער, מיט אַ פּלעצלעך־אַנטשטאַנען חרטה־געפיל — גענומען פאַרגעטערן און פאַר אים ציטערן...

איצט, אַז דער געשלעכטלעכער הונגער האָט גענומען טרייבן די יונגען — זיך צו לאָזן פאַנגען פרויען פון־דרויסן, — האָט די זעלבע נישט־איינפאַרשטענדעניש צווישן זיי געשאַפן דעם גלייכגעוויכט — לגבי די פרעמדע פרויען: אַז — נישט זיי זאָלן זיך טיילן מיט אַלע, און זיי פּראָסטיטואירן, — נאָר: אַז יעדער זאָל באַקומען אַ פרוי — פאַר זיך אינגאַנצן, פאַר זיך אַליין... און, אַזוי אַרום, פאַרלייגן די באַזע פאַר דער זיטלעכער משפּחה...

און אַזוי — איבעראַל: אויף אַלע געביטן פון מענטשנס סאָציאַלן־זיין, — האָט די נישט־איינפאַרשטענדעניש, דאָס דורכויסיקע נישט־וועלן־מוותר־זיין, דאָס נישט־וועלן־איינגיין אויף קיין פּשרה, נייערט דאָס אומבאַדינגטע באַגערן אַלץ פאַר זיך — געשאַפן דעם גלייכגעוויכט צווישן די קעגנגעזעצטע זיך־באַשטרייטנדע צדדים און, דאַדורך ערשט, געלייגט די באַזן פאַרן מענטשלעכן צוזאַמענזיין: העט, פאַר דעם גאַנצן טויש־אַנבאָט־און־אָפּנעם פון אַלע דערוואָרבענע גייסטיק־מאַטעריעלע ווערטן פון דער מענטשהייט...

בלויז די עכטע אומדערשיטערלעכע נישט־איינפאַרשטענדעניש איז — די איינציקע ערבות פאַר אָנהאַלטנדער פאַרשטענדעניש.

אַזוי איז — דער מענטש, מיט זיין זיין. אַזוי איז — די אָרגאַנישע ביאָלאָגיע, בכלל. אַזוי איז, צוגלייך — די אומאָרגאַנישע נאַטור — דער גאַנצער אוניווערס: מיט זיינע קעגנגעזעצטע כוחות — די סטאַטישע, די דינאַמישע — אין זייער אומויפהערלעכן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף: וואָס שאַפט דעם גלייכגעוויכט, די נייע דיפערענצירונגען, די עוואָלוציע און רעוואָלוציע אין דעם איבערגאַנג: פון טויט — צו לעבן; פון בעל־חי — צום מענטש; און פון מענטש — צו מענטש!..

דער מענטש פון די מענטשן

I — ליכט און מאָנסטער

אויב מע אָנערקענט די סאָציאָלאָגיע — פאַר דער איינציקער לערע פון מענטשנס סאָציאַלן זיין, (ווייל — נישטאָ גאָר קיין אינדיווידועלער זיין פאַרן מענטש;) און מע נעמט אָן די סאָציאַלע געזעלשאַפט — פאַר דער איינציקער ספער: וואוהין דער איינזאַמער צוויי־פיסיקער בעל־חי האָט אריבערגעשפּאַנט.

פון כאַאָס, אום צו ווערן — סאָציאַלער מענטש (ווייל — נישטאָ גאָר קיין אינדיווידועלער), — דאַן אָנערקענט מען די סאָציאַלע געזעלשאַפט — פאַרן אורשפּרונג פון דער איינציקער מענטשלעכער מאָראַל — דער סאָציאַלער, (ווייל — נישטאָ גאָר קיין אינדיווידועלע) במילא, מוז מען זיין קאָנ־סעקווענט און דערקלערן: אַז מאָרד איז נישט — קיין אינ־דיווידועל פאַרברעכן אָן-און-פאַר-זיך, דאָס הייסט: אויסשליסלעך — קעגן דעם אינדיווידועלן מענטש, וועמען מע האָט דערמאָרדעט; (פשוט, דערפאַר: ווייל אַזאַ מין אינדיווי־דועלער מענטש עקזיסטירט גאָרנישט; און עס איז, דערום, לאָגישערווייזע — אוממעגלעך צו דערמאָרדן דעם, וואָס עקזיסטירט נישט;) נייערט: אַז מאָרד איז — אַ סאָציאַל פאַרברעכן, וואָס מע באַגייט — קעגן אַ מיטגליד-מענטש פון דער געזעלשאַפט.

מיט אַנדערע ווערטער: מאָרד איז נישט קיין אַטענטאַט אַף אַ אומאָפּהענגיקן אינדיווידועל־מענטש, וואָס באַלאַנגט, מיט זיין לעבן, אויסדריקלעך נאָר צו זיך אַליין; (פשוט, דער־פאַר: ווייל אַזאַ מין אינדיווידועל־מענטש איז נישט בנמצא אין ערגעץ;) נאָר: עס איז אַן אַטענטאַט — אויסדריקלעך, אַף דער סאָציאַלער געזעלשאַפט: צו וועמען, אויסשליסלעך און אַליין, עס באַלאַנגט דאָס לעבן פון אַלע אירע מיטגלידער-מענטשן, אַן אויסנאַם.

דאָס הייסט: אַז עס גיבט נישט קיין — אינדיווידועל-מענטשלעך־לעבן — אָן-און-פאַר-זיך. דער מענטש לעבט — סאָציאַל; אָדער, ער ווערט איינזאַם, און — ער הערט גלייך אויף צו לעבן — סאָציאַל: ווייל ער ווערט — אויס מענטש.

או חברותא; או מיתותא.

אָדער :דער מיטגליד איז איינערהאַלב (גייט מיט) דער געזעלשאַפט — און ער לעבט, אַלס סאָציאַלער מענטש — דאָס סאָציאַלע קאָלעקטיווע לעבן פון דער געזעלשאַפט, — אָדער: ער פאַרלאָזט די געזעלשאַפט, (דאָס זעלבע — ווען ער טרעט אַרויס קעגן) — און ער שטאַרבט גלייך אָפּ, אַלס סאָציאַלער מענטש — פאַרן סאָציאַלן לעבן פונעם קאָלעקט־טיוו! דערפאַר: „לעבט” ער שוין אויף, אין כאַאָס, אַלס — איינזאַמער (אינדיווידועלער) צוויי־פיסיקער בעל־חי.

או חברותא — או מיתותא.

אפילו, ווען אסאך אזוינע, ווי ער, פארלאָזן צוזאמען די סאָציאַלע געזעלשאַפט; אָדער, זיי מאַכן „יד־אחת", און טרעטן ארויס קעגן איר, — בלייבן זיי אַלץ — איינזאַמע (אינדיווידועלע) צוויי־פיסיקע בעלי־חיים, צווישנאַנאַנדער. ווייל: נאָר דער סאָציאַלער בוי־ענדער זיין דערהויבט דעם איינזאַמען בעל־חי צו דער דרגא פון — סאָציאַלן מענטש. דאַקעגן, די אַנטי־סאָציאַלע צע־שטערערישע מענגע — האָט נישט מער האפט און אַנגעהעריקייט צווישן זיך, — וויפל די פּרעהיסטאָרישע צוויי־פיסיקע איינזאַמע מאסע בעלי־חיים — בעפאָר זיי זענען אריינגעטריבן געוואָרן, דורך זייער בלאָנדזשנדן מארך אין דער פינצטער, בחזקת־היד, אדאנק דער נויט — אין דער סאָ־ציאַלער ספער פון מענטש...

איז: וויבאַלד צוויי פיסיקער בעל־חי — מעג ער זיך זיין איינער, אָדער אסאך אזוינע איינזאַמע איינסן, ווי ער, — דאַן פאַרלירט גלייך זיין לעבן יעטוועדן סאָציאַלן ווערט; עס ווערט באַלד אָפּגעטון פון דעם די סאָציאַל־מאָראַלישע שוץ; און, במילא, פאַלט גלייך אוועק (שטאַרבט באַלד אָפּ) יעטוועדער סאָציאַל־מאָראַלישער זין פון פאַרברעכן צו אַטענטירן אַף דעם לעבן — פון אזא מין סאָרט בעל־חי... דאָס ווערט — הפקר...

איצט: וויבאַלד, אז ער וועט גאָר נעמען ווערן שעדלעך פאַר דער סאָציאַלער געזעלשאַפט — איינער, צי אין אַנטי־סאָציאַלן יד־אחת מיט אסאַך אזוינע ווי ער, — דאַן וועט די זעלבע סאָציאַלע מאָ־ראַל דיקטירן, אין שוץ פונעם כלל — אים מיט די זייניקע אויס־צוראָטן! ובערת הרעה מקרבך!

דאָס איז דער פאַל: ווען מאָרד ווערט — א טוגנט; פאַר וועלכער מע ווערט באַלוינט.

אַלזאָ: מענטש הויבט אָן — דאָרט, וואו סאָציאַלע געזעלשאַפט: וועלכע באַווערטיקט זיין לעבן און באַשיצט עס מיט א מאָראַל.

מענטשלעך לעבן, מענטשלעכע מאָראַל, — דאָס זענען, אויסדריקלעך — סאָציאַלע באַגריפן.

די סאָציאַלע געזעלשאַפט איז — די איינציקע אינסטאַנץ פון דער איינציק־עקזיסטירנדער סאָציאַלער מאָראַל — פאַר אירע מיטגלידער־מענטשן: אום צו באַשיצן זייער סאָציאַל לעבן פאַר דער געזעלשאַפט. ווייל זי, די סאָציאַלע געזעלשאַפט, שעצט נאָר, זאָרגט נאָר און אָנער־קענט נאָר דעם ווערט פון סאָציאַל לעבן.

דערפאַר, איז: תמיד, ווען די סאָציאַלע געזעלשאַפט געפינט דאָס פאַר נויטיק, פאַר איר שוץ־וועגן, — איז זי באַרעכטיקט, און אפילו מחויב:

צו לעגאַליזירן, צו אוימאַריזירן און צו אַפּעלירן צום מ אָ ר ד, אי ן אַלע זיינע פאָרמען — אַזוי אינדיווידועלע, ווי מאַסאָווע, — אום צו דערהאַלטן איר עקזיסטענץ — אַלס געזונטע סאָציאַלע ערבות פאַר דער מענטשהייט.

אַזוי געשעעט מיט — מלחמות, רעוואָלוציעס, אויפשטאַנדן אַלערליי: ווען דער מאַסן-מאָרד איז געשיצט, און ער ווערט אפילו געבענטשט דורכן סאָציאַלן געזעץ פון לעבן.

* * *

הייסט עס, האַלטן מיר דערביי: אַז מ ע נ ט ש הויבט אָן דאָרט — וואו אָרגאַניזירטע סאָציאַלע געזעלשאַפט פון מענטשן.

א י ב ע ר דער דאָזיקער מענטשן-געזעלשאַפט, ווידער, דערהויבט זיך, תמיד — ד ע ר מ ע נ ט ש פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן. ער איז — דער מאַרך פון די מאַרכן, און דאָס האַרץ פון די הערצער. דער, אַזוי־גערופענער — שיר-השירים אשר לשלומה: שלומה — דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען... וועגן אים ווערט געזאָגט: ויחכם מכל האָדם — ער טראָגט אין זיך די חכמה פון אַלע מענטשן פון דער סאָציאַלער געזעל־שאַפט.

ער — דער מענטש פון די מענטשן — האָט אָבער אויך די זאָרג: אריינצודרינגען און באַנעמען דאָס לשון וכל ניב ושיח — פון אַלע ווילדע סטאַדעס חיות און עופות: כדי צו־דערגיין — וואָס זיי פאַרטראַכטן, אין פאַרעטערישער געהיימניש, קעגן דער סאָציאַלער געזעלשאַפט; דאַן, זיי פאַרלויפן דעם וועג, און צעשטערן זייערע פּלענער — באַצייטנס, דאָס הייסט, ראַטעווען די געזונטע עקזיסטענץ פון דער סאָציאַלער מענטשן־געזעלשאַפט; אום זי זאָל קענען ווייטער אַנגיין, אומגעשטערט, מיט איר אַנטוויקלונג — אַלס ערבות פאַרן פאַרויסמאַרש פון דער סאָציאַלער מענטשהייט.

דאָס איז — די אייביקע ראָל און די אומויפהערלעכע זאָרג פונעם תמיד-וואַכזאַמען מענטש פון די מענטשן — א י נ ע ר ה א ל ב דער סאָציאַלער געזעלשאַפט.

א ו י ס ע ר ה א ל ב א י ר, ווידער: דאָס הייסט, ווי נאָר מע טיילט זיך פון איר אָפּ, מע פאַלט אַרויס פון איר מ י ט, — אַזוי הערט מען גלייך אויף צו זיין מ ע נ ט ש ; און מע קערט ש ו י ן צוריק צו דער סטאַדיע פון פרע־היסטאָרישן און פרע-סאָציאַלן צוויי־פיסיקן בעל־חי — וועלכער האָט זיך געשטעלט ק ע ג ן דער סאָציאַ־לער מענטשלעכער געזעלשאַפט; און זי האָט, דאַרום, די מאָראַלישע פליכט: איר פיינט, דעם באַרבאַר, צו פאַרניכטן — באַצייטנס. אַנישט, — וועט ער — א י ר !..

א מ אָ ל , גייען אָוועק פון דער מענטשלעכער סאָציאַלער געזעלשאַפט — איינצלנע: וועלכע טיילן זיך אָפּ — פון אַ שיכט, פון אַ קלאַס, ק ע ג ן וועמען זיי דערוועגן זיך צו פאַרמעסטן.

א מ אָ ל , טיילט זיך אָפּ, פון אַ געזונט סאָציאַל-אָרגאַניזירט פאָלק — אַ שיכט אַ גאַנצער, אַ קלאַס: וועלכער קומט זיך פאַרמעסטן — קעגן דעם גאַנצן פאָלק.

און אַמאָל, ווידער: הויבט זיך א ו י ף — אַ גאַנץ פאָלק, מיט אַלע זיינע קלאַסן און שיכטן — קעגן דער גאַנצער סאָציאַל־אָרגאַניזירטער מ ע נ ט ש ה יי ט : אין פאַרמעסט — איר אומצוברענגען!..

אין די אַלע דערמאָנטע פאַלן, — זענען — די איינצלנע רענעגאַטן, דער אָפּגעשפּאָלטענער שיכט צי קלאַס, אָדער דאָס גאַנצע דעגענערירטע פאָלק, — באַלד, מיט זייער אָפּטיילן זיך פון דעם געזונטן סאָציאַלן קערן פון דער מענטשהייט — אַ ר ו י ס ג ע פ אַ ל ן פון איר; געבליבן אָפּגעשיידט פון דער מענטשהייט; און אַריינגעפאַלן אין באַרבאַרישן כאַאָס פון דער סטאַדע — צוויי־פיסיקע בעלי־חיים.

אָבער — כל מה שיש ביבשה, יש בים: אַלץ, וואָס עס האָט איינגעשאַפן די אָרגאַניזירטע סאָציאַלע ציוויליזאַציע, — זוכט נאָכצוטון — די כאַאָטישע סטאַדע צוויי-פיסיקע בעלי-חיים. אויך די באַרבאַרישע ס ט אַ ד ע — אין איר פאַרמעסט קעגן דער געזונטער סאָציאַלער מענטשלעכער ע ד ה , — „אָרגאַניזירט זיך סאָציאַל.” זי שטעלט איין, אינערהאַלב אירע רייען — איר אייגענע „סאָציאַלע מאָראַל”; און זי טיילט אוים א י ב ע ר זיך — אַ פ י ר ע ר ! אָ — אַלץ, ווי בא לייטן!..

דאַן, גייט זי נאָך ווייטער: זי דערקלערט זיך אַליין, די סטאַדע, אַלס — דאָס אויבערשטע פונעם שטויסל — פאַר דער אויטענטישער מענטשהייט!; אַלדאָס איבעריקע — וואָס איז א נ ד ע ר ש פון איר, (די עכטע סאָציאַלע מענטשלעכע עדה!) — דערקלערט זי — פאַר „אַ דעקאַדענטישער מענגע: וואָס איז פאַרורטיילט, דורך דער געשיכטע, (דורך אירער אַן אייגענער „געשיכטע־אויפפאַסונג”) — צום אונטערגאַנג!; איז, אין נאָמען פון אָט דער „ג ע ש י כ ט ע ” , — לאָזט זי זיך פירן, די אַנטיסאָציאַלע „אָרגאַניזירטע” באַרבאַריע, דורך איר פירער: „— אויסצופירן דעם טויט־אורטייל פון דער געשיכטע אַליין!: פאַרטיליקן דעם דעקאַדענטישן אָפּפאַל! אום עס זאָל פריי קענען אויפגיין, אַפן מיסט פון די חורבות פון דער געשטאָרבענער וועלט — ווי די שענצטע בליונג, — די באַנייטע פאַריונגערטע איבער־מענטשהייט פונעם אור־דזשונגל!”

און עס ברעכט אוים דער טויטלעכער קאַמף — צווישן דער מענטשהייט, און דער „מענטשהייט”; צווישן דער אָרגאַניזירטער סאָציאַלער

מענטשלעכער ערה, און דער „אָרגאַניזירטער“ סטאַדע צוויי־פיסיקע נישטיקייטן; צווישן דעם מענטש פון די מענטשן, און דעם פירער פון די באַרבאַרן... לאַנג און פאַרביטערט, ציט ער זיך, דער קאַמף — אין אַלע זיינע אַלטערנאַטיווע וואַקלונגען פון ליכט־און־שאָטן־עפעקטן... ביז וואַנען — עס נעמט זיך, ענדלעך, אויסקלאָרן אַפן האָריזאָנט: — וואוהין דער פירער האָט זיין סטאַדע פאַרפירט; און וואוהין עס האָט דערפירט די סאָציאַלע מענטשהייט — דער מענטש פון די מענטשן!..

* * *

עס זענען געוואָרן דערמאָנט די — „אַלטערנאַטיווע ליכט־און שאָטן־וואַקלונגען“ אינעם קאַמף; און דאָס פאָדערט אַ ברייטערע אויפקלערונג.

פון דעם אויבן־געבראַכטן וועגן דער מאָראַל, אַלס — אויסשליסלעך סאָציאַלן באַגריף, — איז געוואָרן, במילא, פאַרשטענדלעך: אַז די מאָראַל האָט איר אָנהויב — אין דעם סאָציאַלן מענטשנס פאַרשטאַנד. דאָס הייסט: אַז דער מענטש באַנעמט, תחילת, מיט זיין שכל: וואָס עס איז שלעכט פאַר אים און זיין מיטמענטש, אינערהאַלב דער סאָציאַלער עדה, — וואָס אַראַ טואונג זיינע עס באַדראָעט דעם וואוילזיין און זאָגאַר די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער סאָציאַלער עדה, במילא, פון אים אַליין, — און ער דאַרף, דאַרומער, אָפּהאַלטן זיין בלינדן אימפולסיוון דראַנג — דאָס צו טון, — און וואָס עס איז גוט פאַר אים און זיין מיטמענטש, אינערהאַלב דער סאָציאַלער עדה, — וואָס אַראַ טואונג זיינע עס באַשיצט די עקזיסטענץ און פאַרזיכערט און פאַרשטאַרקט דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער סאָציאַלער עדה, במילא, פון אים אַליין, — און ער דאַרף דאָס, דאַרומער, טון — מיט פרייד!

עס הייסט, (און זאָל מען זיך גוט איינהערן אין דעם!): אַז שכל איז — די איינציקע ערבות פאַר דער סאָציאַלער מענטשלעכער עקזיסטענץ, פאַר דער ציוויליזאַציע, פאַר דער קולטור, פאַר דער אומענדלעכער צו־קונפט פון דער גאַנצער סאָציאַלער מענטשהייט. דאַקעגן, איז איר גרעסטע געפאַר — דער בלינדער כאַאָטישער אימפולס: וועלכער טרייבט איי־ביק דעם מענטש — אַף צוריק צו אַסאָציאַלן (און, במילא, צו אַנטיסאָציאַלן) באַרבאַרישן כאַאָס...

איז, אָט די שכלדיקע באַנעמונג (ווי מיר האָבן געשילדערט פריער) פון סאָציאַלן מענטש, — ווערט, מיט דער צייט, פאַרוואַנדלט אין זיין געמיט — אין אַ נייַ סאָציאַל־שכלדיק געפיל: אין דער, אַזוי־גערופענער — סאָציאַלער מאָראַל, עטיק, געוויסן...

דעם זעלבן פראָצעס (פון שכל, פאַרוואַנדלט אין געפיל,)
מאַכט דורך דער סאָציאַלער מענטש — אין אָנבאַלאַנג צו זיינע מיט-
מענטשן — באַ מיטליידן, מיטפילן, א.א.וו. דאָס הייסט: אַז — אין
תחילת — דאַרף איינקנעלן מיט אים זיין שכל: ווי אַזוי עס וועט אויס־
פאַלן גוט פאַר אים אַליין — ווי אַזוי ער וועט אויס־
מיידן אַליין צו ליידן — וויבאַלד אַז ער וועט אַנטקעגנקומען
מיט הילף און זיך-אָפּרופן אַף די ליידן (מיטליידן, מיטפילן) פון זיינע
מיטמענטשן, אינערהאַלב דער סאָציאַלער עדה... און שפּעטער; ערשט,
מיט דער צייט, — וועט אָט די שכלדיקע באַנעמונג אַריבערגיין, בהדרגה-
דיק, צו ווערן — אַ אומאָפּהענגיק-כמעט-פון-שכל זעלבסשטענדיק געפיל:
פון — זאָפּאַרטיקן דירעקטן (אָן דער נויטיקער אינטערווענץ פון פאַר־
שטאַנד,) מיטלייד און מיטגעפיל — גלייך באַם אָנבליק פון זיין חבר־
מיטמענטשס ליידן...

אַזוי אַרום, ווערט קלאָר: אַז — מיטגעפיל, מיטלייד, העלפן אין אַ
נויט, נישט פאַרשאַפן קיין ליידן — דאָס הייסט: אָט די אַלע מצוות-עשה
און מצוות לא-תעשה, וועלכע זענען די זיילן פון דער מענטש־
לעכער מאָראַל, — זענען — אויסשליסלעכע טוגנטן פון דעם
מענטשן פון דער געזונטער סאָציאַלער
געזעלשאַפט: וואו דער סאָציאַלער שכל מאַכט זיי געבערן און
יערן — לערנענדיק און עצהנענדיק, אָן אויפהער: צו צוימען דעם בלינדן
אימפּולסיוון ענגאָ*) פון נעכטיקן אַסאָציאַלן צוויי־פיסיקן בעל־חי; אין
וועמען דער שכל האָט נאָך געדרעמלט; במילא, האָט ער נישט אָנגעהויבן
צו אַנען — נישט, פון מיטגעפיל; נישט, פון מיטליידן, פון גאָרנישט —
נישט... און האָבן געמאָגט שווידערלעך ליידן אַרום אים — אומצייליקע אַזוי־
נע צוויי־פיסיקע בעלי־חיים, ווי ער, — איז דאָס אים לחלוטין נישט אָנגע-
גאַנגען; האָט דאָס אים נישט אָנגעהויבן צו אַרן; האָט דאָס אַלעס
געלאָזן אים אַליין — פולשטענדיק־רואיק...

דאָן: וויבאַלד, ווידער, אַז דאָס האָט אים געלאָזן רואיק, — איז
ער דאָך, אַ וודאי, — נאָך אַלעמען, געבליבן — ריין, אומשול-
דיק, ווי אַ קינד! איז דאָך, בכלל, נישט שייך געווען: צו קומען צו אים
מיט אַ טענה — וועגן מיטגעפיל, וועגן אחריות־געפיל פאַר אַ צווייטן:
ווען וויבאַלד אַז ער, מיט זיין גלייכגילטיקייט —
איז קיין אויסנאַם נישט געווען פון קיינעם! וויבאַלד אַז דאָס אחריות-
געפיל פון אָפּרוף, פון מיטלייד — האָט, אין תחילת — נישט עקזיס-
טירט באַ קיינעם!

*) וועלכער לעבט — אייביק; און קעמפט פאַר דאָס זייניקע —
אין יעדן איינעם פון אונז...

ערשט, **דער** דערוואַכטער סאָציאַלער מענטשלעכער שכל, **איינערהאַלב** דער סאָציאַלער געזעלשאַפט, — האָט, **אין אָנהויב**, גענומען **לערנען** דעם מענטשן: אַז **יענעמס** ווי **און ליידן** דאַרפן אים אָנגיין — אויס **זיין אייגענעם** וואוילזיין גענומען; אויס **אייגענער** שוץ... ביז וואַנען, **אין לויף פון דער צייט** — האָט אין דעם סאָציאַלן מענטשן זיך־גענומען געשטאַלטן: דאָס שכלדיקע אחריות־געפיל; דאָס אומאָפּהענגיקע-פון-שכל־מיטגעפיל; דער זעלבסשטענדיקער מיטלייד; און זאָגאַר **דער אויפשוידער** — באַם בלויזן אָנבליק פון חבר מיטמענטשס ליידן; (בלייבנדיק, **נאַטירלעך** — אין דער זעלבער צייט — אַבסאָלוט-גלייכגילטיק צו די ליידן פון **אַלע אַנדערע** בעלי־חיים...) באַגלייט, פאַרשטייט־זיך — מיטן נאָכדענקענדן געפיל פון **שולד און חרטה**: וויבאַלד אַז מע האָט **נישט** געהאַנדלט **אַזוי** — ווי דאָס גוטע אחריות־געפיל האָט באַפוילן.

אַלזאָ: די ליידן פון אַ צווייטן — מיט די אַלע באַגלייט-געפילן: מיטלייד, אחריות, און שולד פאַר **אַ באַגאַנגענעם חטא** פון: אָדער — נישט העלפן, אָדער — גאָר אַליין יענעם פאַרורזאַכן די ליידן, — אָט דאָס אַלץ איז ממש **אַנטפּלעקט** געוואָרן — ערשט, פאַרן **סאָציאַלן מענטש**. במילא: האָט עס ערשט אָנגעהויבן פאַר אים צו עקזיסטירן — **אינערהאַלב** דער סאָציאַלער געזעלשאַפט!

נישט — פריער — **פאַר** איר. און, במילא: אויך נישט — אַצינד, היינט צו טאָג — **אויסערהאַלב** איר...

און דאָ ערשט קומען מיר־צו צו די אַזוי־גערופענע „אַלטערנאַטיווע ליכט-און־שאָטן־וואַקלונגען”: אינעם קאַמף פון דער געזונטער סאָציאַלער מענטשהייט — קעגן די אָפּטריניקע טיילן אירע; וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן — איר, דער געזונטער מענטשהייט, צו פאַרניכטן!

איז, אָט אין אַזעלכע קריטישע צייטן פאַר דער סאָציאַלער מענטשהייט: ווען עס לאָזן זיך אַראָפּ אומעטום אַף די מענטשן — אומגעהויערע שוידערהאַפטע ליידן, וועלכע זענען — איבער די כוחות און גבולים פון מענטשנס געמיט — זיי אויפצונעמען און צו פאַרטראָגן, — דאַן: שווידערט דער סאָציאַלער מענטש אַזוי לאַנג, — ביז — ער הערט דאָס **אויף** צו טון... איר ווייסט — פאַרוואָס? אויס דער איינפאַכער סיבה: ווייל ער הערט דאָס **אויף** אויפצונעמען און צו פאַרדייען. ער ברעכט דאָס אָפּ פון זיך. ער גיט דאָס אָפּ אַף צוריק*). ער דעזערטירט

*) אַזוי פּאַסירט — באַ די פיזיאָלאָגישע הצטרכותן פון אַ גוף: ווען ער איז איבערגעלאָדן, נעמט ער מער נישט-אויף (רעאַגירט ער נישט;) אַזוי געשעט־באַם אַקט פון באַפרוכפערונג: ווען אַ פרויען־קערפּער איז

פון דעם אלעמען. ער הערט א ו י ף דארויף צו רעאגירן — גלייך, ווי עס וואלט גארנישט האבן פאסירט... ער ווערט: אדער — פארהאר־טעוועט, אפגעטעמפט, גלייכגילטיק; אדער — אינגאנצן צוזאמענגע־בראכן!..

דאס געשעט מיט דעם — וואס דארף אויפנעמען י ע נ ע מ ס ליידן. און דאס זעלבע גייט־צו מיט דעם — וואס האט די ליידן אויסצו־שטיין א ל יי ן.

איז דאן — ווען דער מענטש, דער בעסטער אפילו, דערגייט איבע־ראל צו אזא לאגע, — נעמט ווערן פארטונקלט בא יעדן דער סאציא־לער מענטשלעכער געדאנק; נעמט יעדער פארלירן בא זיך אין דמיון אט די גאנצע קלאר־געוועזענע אוניווערסאל־אומפאסנדע וויזיע פון א סאציא־לער מענטשהייט; נעמט יעדער פארלירן, בכלל, אט די אינטעלעקטועלע השגות — פון גאנצן סאציאלן אומפאסן, באנעמען און ארומנעמען...

דאן — אין דער צייט פון אזעלכע גוואלדיקע דערשיטערנדע אויפ־טרייסלונגען אין דער אוניווערסאלער סאציאלער פסיכיק פון דער מענטש־הייט, — נעמען ווערן שוואכער בא יעדן, לויזער און נאכגעלאזן, העט, ביז עס האלטן שוין בא ווערן פולשטענדיק אויפגעלייזט — יענע, ערשט־נעכטן — אזוי מעכטיק־געוועזענע סאציאלע בענדער פון דער שטאלצער באוואוסטזיניקער מענטשהייט. דאן נעמט פאלן, אפשטארבן, אויפהערן בהדרגהדיק בא יעדן — יעטוועדער מהות און זין: פון וועלכן אחריות־געפיל, פון מיטלייד, פון מיטגעפיל; פון א געפיל פון שולד און חרטה: אין פאל פון נישט האבן געהאלפן, אדער — פון האבן אליין יענעם פאר־אורזאכט די ליידן... א, דאן נעמט פארשווינדן דאס אלץ. עס האלט אין פארגיין און אויפהערן צו עקזיסטירן — דער אוניווערסאל־סאציאלער קול־טור־מענטש פון דער סאציאלער מענטשהייט, מיט זיין סאציאל־אוני־ווערסאלן שבלדיק־לויטערן אחריות־געפיל פון דער מאראל...*) ...טראט־נאך־טראט, פארלאזט דאן דער מענטש — איין דערארבערטע סאציאלע פאזיציע, נאך דער אנדערער... ער הויבט זיך אן אפצושליסן, מיט זיין

פארנומען (ער שוואנגערט,) נעמט ער מער נישט אויף (פארשוואנגערט ער נישט באנייס;) און אזוי פונקט, דאס אייגענע גייט צו — באם מענ־טשנס פסיכיק; בא זיין געמיט.

*) ווייל: וואס העכער די סאציאלע קולטור, — אלץ טיפער איז און ברייטער — דער סאציאלער באוואוסטזיין; און פארקערט.

דאדורך, דערקלערט זיך אויך — די פארשיידענע דרגות ס א־צ י א ל ע ר ב א וו א ו ס ט ז יי ן, אין אלע צייטן, בא כלערליי סא־ציאלע שיכטן, קלאסן און פעלקער...

סאָציאַלער מאָראַל: תחילת — אינערהאַלב זיין אייגן פאָלק: וואָס בלייבט אומדיפערענט צו אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט. נאָכהער — אי־נערהאַלב זיין קלאַס, זיין שיכט, זיין אייגענער משפחה בלויז...

...פאָלקס־מאָראַל, קלאַסן־מאָראַל, שיכט־מאָראַל, משפחה־מאָראַל... אַזוי נידערט ער, דער עלנט־געבליבענער סאָציאַלער מענטש: פון איין סאָציאַלן שטאַפּל — צום אַנדערן, איבער זיין סאָציאַלן לייטער — צוריק־אַליין, אויף צוריקצואוועגס; העט, ביז ער נעמט דערגרייכן, ענדלעך, אַהין — פונוואַנען ער איז, אַמאָל, געקומען! דאָס הייסט: ביז ער האַלט שוין אין דערגיין, ווידער — נאָך אַזויפיל מי, מאַטערניש און אַנגעלייגטן וועג — צו זיין פּרע־היסטאָרישער אַזוי־גערופענער — א י ך - מאָראַל פונעם דזשונגל: וואו יעדער איינער איז געווען — אַ וועלט פאַר זיך!... *)

---

*) באַ יעדן מיטגליד פון אַ געזונטער סאָציאַלער עדה טרעט אויף, בהדרגהדיק, פון דעם אויבנאָן: די בלינדע אימפּולסיווע שרעק־שפּירונג פון דורכויס־אינדיווידועלן איינזאַמען לעבן — פון דעם פּרע־היסטאָרישן און פּרע־סאָציאַלן צוויי־פיסיקן בעל־חי; און, אויף איר אָרט, נעמט אויפקומען, מיט דער צייט, דורך דער איינבונג פונעם באַוואוסטזיין: דאָס לויטערע שבלדיקע געפיל פון — אינדיווידועלן, נאָר אומאָפּטיילבאַר פון ק אָ - ל ע ק ט י װ ן , פון אַ סאָציאַלן צוזאַמענלעבן: וואָס נעמט אַוועק די שרעק; און שענקט די זיכערקייט, די רו...

במילא: ווען עס רוקט זיך אָן אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער סאָציאַלער עדה, — וועט יעדער מיטגליד — באַהערשט דורכן קאָלעקטיוון שבלדיקן געפיל פון אַלמעכטיקייט און אומבאַזיגבאַרקייט, — אומאַנטשראָקן גיין אין קאַמף; און זיין באַרייט: אָפּצוגעבן ז י י ן ט ײ ל א י נ ד י - װ י ד ו ע ל אָן פּ אַ ר ג ע נ ג ל ע ך לעבן — פאַר דער רעטונג פון א ו מ פּ אַ ר ג ע נ ג ל ע כ ן אייביקן סאָציאַלן לעבן פון גאַנצן קאָ־לעקטיוו!

דאַקעגן: אין אַ צייט פון טיפע געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען, —: ווען עס דערגייט צו דער אָפּשוואַכונג און נאָכלאָזונג פון די סאָ־ציאַלע בענדער באַ דער ג אַ נ צ ע ר מענטשהייט, — דאַן פאַרלאָזט יעדן איינעם — דאָס שבלדיקע סאָציאַלע געפיל פון קאָלעקטיוון צוזאַ־מענלעבן: וועלכעס האָט געשאָנקען די זיכערקייט אין דער אומבאַזיגבאַר־קייט פון יעדן סאָציאַלן מיטגליד — אינערהאַלב דעם כלל; און עס נעמט אויפטרעטן, ווידער, אין יעדן עלנט־געבליבענעם־פּאַראַמאָל — די בלינדע אימפּולסיווע ש ר ע ק ־ ש פּ י ר ו נ ג פון דעם פּרע־היסטאָרישן און פּרע־סאָציאַלן צוויי־פיסיקן בעל־חי; און די זאָרג פאַר זיין איינזאַם־נע־

...און עס נעמט, ערשט, באַניים אויפגיין איבעראַל (דאָס הייסט: אין אַלע קאַמפּס־לאַגערן פון דער מענטש־הייט — אָן אויסנאַם...) — נאָר דער צעהפקרטער אַסאָציאַלער און דורכויס־אימפּולסיווער צוויי־פיסיקער בעל־חי אַליין: וועלכער האָט שוין באַלד פאַרגעסן — דעם אויסגאַנג־פּונקט, די אידייע פונעם קאַמף, וואָס ער האָט, אַמאָל, געהאַט פאַרפירט קעגן זיין קעגנער; ווייל ער אַליין וויל שוין באַלד — פּונקט אַזוי דעם כאַאָס, — ווי זיין קעגנער: יענע אַפּטרי־ניקע דעגענערירטע סטאַדע, וועלכע האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן — קעגן דער געזונטער טייל פון דער מענטשהייט!

איז: דאַן, ווירקלעך, האָט דער גראַנגל צווישן צוויי קעגנער געהאַט אַ זין.

נאָר, איצט: צוליב וואָס דער קאַמף — צווישן איין טייל פינצטערן אימפּולסיוון כאַאָס — און אַ צווייטער כאַאָטישער מענגע, וועלכע שטרעקט זיך אַליין, מיט איר גאַנצער צעיושעטער טראַכט, צום אָפּגרונט פון דער ערשטער?!.*)

איז, אָט: אין יענעם געפּערלעכסטן זיין־אָדער־נישט־זיין-מאָמענט פאַר דער גאַנצער סאָציאַלער מענטשהייט — ווען אַלץ זעט אויס אַזוי פינצטער־שרעקלעך־קלאָר צו גיין פאַרלוירן, אַזויווי פאַרשווינדן אין דעם אָפּגרונט, — נעמען זיך דערהויבן, פּלוצים, איבערן תהום — צוויי גוואַל־דיק־גריילעכע געשטאַלטן:

...דער ריזיקער בלינדער מאָנסטער; דער פירער פון דער צעיושעטער וועלט־סטאַדע: אויסצוראָטן אַלץ, איינצושלינגען — איינער...

...און דער מענטש פון אַלע מענטשן; דער לויטערער סאָציאַל־מענטשלעכער מוח, וואָס איז פאַרבליבן פאַרלאָזן פון אַלע, נאָר וואָס פאַרלירט זיך קיינמאָל נישט; וועלכער האָט אַליין אויסגע־דאַכט די ליכטיקע וויזיע פון אַ פרייער סאָציאַלער מענטשהייט — אויך איינער...

בעדיק לעבן — וועלכעס ווערט, איצט, באַנייס באַדראָעט פון אַלע זייטן, אינעם דזשונגל... דאַרום, — ווערט ער, אַצינד, ווידער גרייט — דער אַמאָראַלישער אַנימאַל: די גרעסטע געמיינהייטן צו באַגיין! אום צו באַשיצן זיין עלנט־מיזעראַבעלע עקזיסטענץ אַף דער וועלט!..

---

*) „דורך דעם וואַרפן די אַטאָמישע באָמבע אַף דער ציווילער באַ־פעלקערונג אין יאַפּאָן, איז גרויזאַם צעשטערט געוואָרן אַזאַ דינער איי־דעלער קוים־אָנזיכטיק־שפּירזאַמער געוועב, וועלכער האָט ערשט קוים געהאַלטן אין צוזאַמענוועבן די מענטשהייט...” (גאַנדי.)

...אויסער זיי — עקזיסטירט נישט קיינער. זיי זענען, ערשט, אליין — אינעם לעבן, אין דער וועלט, אין צייט און רוים, אינעם אור־גיזוערס...

... ליכט און פינצטער שטייען — פּנים צו פּנים. טוען זיך באַקאַכטן, אין לעצטן גורל־פאַרמעסט...

... פינצטער בליקט — בלינד, צעיושעט, עפּילעפּטיש. שויר־דערט, פאַר צאָרן־באַגער: — ליכט איינצושלינגען! אָ, דאָס לעצטע פאַרשאָלטענע ליכט צו פאַרצערן! און פינצטער — פון היינט ביז אייביק, איבעראַל איבער אַלע תהומות — וועט בושעווען, וועט ווערן!..

...נאָר ליכט — וועלכער איז נאָך אַלץ, אינטים, דער קאָפּ פון דער צערודערט־געבליבענער, אָבער, אָ, קיינמאָל, באַין־אופן, נישט־איינגאַנצן־פאַרלאָרן־געגאַנגענער סאָציאַלער מענטשהייט, — האַלט אויס רואיק דעם פאַרמעסט; דעם אָנדרוק פון מאָנסטער; פון אייביקן אוניווערסאַלן נישט־עלעמענט; פון בלינדן כאָאָס... ווען ער באַטראַכט — מיט עקל, פאַראַכטונג...

...ביז וואַנען ליכט — אָ, וואָס האָט שכל געהאַט: צו לאָזן דעם מאָנסטער זיך־אויסבושעווען; און אליין: איינ־הימען די ענערגיע — פאַר דער לעצטער אַנטשיידנדער שלאַכט, — באַפעלט ערשט צום פינצטער:

... — ברעך צוזאַמען! פאַרשווינד, פינצטער געשפּענסט, פון מענטשנס צעטומלט געמיט! טרעט צוריק, זינק איין, ווידער, דאָרט, פונוואַנען דו האָסט זיך דערהויבן — עד עת קץ... ביז עס וועט שלאָגן די גורל־שעה פאַר דיין לעצטער פאַרטיליקונג — אויף אייביק!...

...און דאַן געשעט עס — פאַרן אָנבליק פון אַלע וועלטן...

...ווי פינצטערער אויסגעבושעוועטער־אויסגעיושעטער מאָנסטער — (נאָך דער אָפּצאַפּונג, אין קאַמף, פונעם אָנגעדראָלענעם גאָליקן אימפּול־סיוון מאָנסטער-בלוט — פון יעדן איינעם פון אונז: אַן אָפּעראַציע, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכצופירן, פון צייט צו צייט, זאַגאַר — איבער דעם פאַר־געשריטנסטן סאָציאַלן אָרגאַניזם... ,—) נעמט ראַש אוממעכטיק צוזאַ־מענברעכן; זינקען אין די פינצטער־קאָכיקע תהומות; מיט אַזאַ פינצטערן גרוילנדן ברומען... ביז, ער בלייבט נישט — אין דער נאַכט...

...און דאָרט אין די הימלען, אין בלאָ־פלאַמיקן באַגין, — נעמט אויפברעכן, ערשט — אָ, מיט באַנייטער גרויסער זיגערי־שער סאָציאַלער מענטשלעכער פרייד... ,—

...דער נייער ליכטיקער סאָציאַלער מענטש פון לויטערן מוח און האַרץ — דאָס קינד פון אַ באַנייטער סאָציאַלער מענטשהייט אין ווערן...

II נישט-איינפאַרשטענדניש — די באַזע פון דער ציוויליזאַציע

די באַזע פאַר דער שטייגערישער מאַסן-ציוויליזאַציע איז: דאָס נישט-איינפאַרשטיין-זיך פון דער מאַסע; דאָס רעדן אַף באַזונדערע שפּראַכן; דאָס איינפלאַנצן איבעראַל — באַזונדערע נאַציאָנאַלע טראַכטן, מנהגים, שטייגערס. מיט איין וואָרט — דאָס קריגערישע.

אַלץ, וואָס דעם מענטשנס אינטעלעקט — אין זיין טרייבן פאָרויס די קולטור־געשיכטע — האָט אָנגענומען בלויז פאַר א מיטל (אָט דאָס בילדן סאָציאַלע משפחות, מאַסן, פעלקער: מיט זייערע באַזונדערע מאָ־ראַלן, שפּראַכן, מנהגים, שטייגערס א.א.וו.) — אין קאַמף פאַר מענטשנס עקזיסטענץ און גאַנג פאָרויס, —

נאָכאַמאָל: אָט דאָס אַלץ, וואָס דעם מענטשנס אינטעלעקט האָט, אין תחילת, באַטראַכט בלויז: ווי צופעליקע לאָקאַלע מיטלען פון דאָרט און פון דאַנען, (לויט די אומשטענדן,) און איבערגאַנגס־עטאַפּן, אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף און שטרעבן פון מענטשן: צום ווייטן ליכטיקן ציל פון: א דיפערענצירט־געייניקטער באַוואוסטזיניקער סאָציאַלער מענטש-הייט, אַזויווי איין אינטעלעקטועל-דיפערענצירט־אוניווערסאַלע וועלט־משפּחה: וואָס רעדט איין ג ע יי נ י ק ט לשון, און פאַרמאָגט בלויז א מאָראַל א איינונייניציקע, —

איז: אָט צו דעם אַלעמען, — איז ער, דער זעלבער אינטעלעקט, מיטן לויף פון דער צייט, געוואָרן געצוואונגען זיין שטעלונג צו רעווידירן; און נעמען באַטראַכטן, דערווייל: די מיטלען — פאַר צילן אַן־און־פאַר־זיך.*) פאַרוואָס?

ווייל: ער האָט זיך גענומען געבן רעכענונג, דער אינטעלעקט: מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון: מיט אַ מענטשלעכער מאַסע: וועלכע ציט, תמיד — אַף צוריק: צו א ו מ ד י פ ע ר ע נ צ י ר ט ע ר אומאָרגאַנישער איינקייט — אין כאַאָס...

וואָס אייניקער זי ווערט, די מאַסע; שטאַרקער זי ווערט; זי סניו־בעט זיך צונויף, אַף איין לשון; און זי נעמט רעדן — איינע און די זעלבע רייד; מיט איין וואָרט: זי פאַרשטענדיקט זיך איין צווישנאַנאַנדער — ווי איין גאָס, — אַלץ געפערלעכער און אומבויגזאַמער ווערט איר מאַכט, און איר דראַנג:

— צו בויען   א י ר   איינונייניציקע וועלט-שטאָט... דעם מאַסן־

---

*) אָדער, עקזאַקטער: אַלס מיטלען — פאַר   א   צ יי ט וו יי ל י ק ן ציל, פאַר   א   נ ע ע נ ט ע ר ן   ציל, פאַר א ציל־הינטערוועגנס... און ווי עס וועט, אין גאַנג פון דער עקספּאַזע, קלאָר ווערן פון-זיך־אַליין...

טורעם, מיטן שפיץ צום הימל... וועלכער זאָל דינען דער מאָסע פאַר אַ פּעסטונג און אַ שוץ — קענען דער געפאַר: צעשפּרייט צו ווערן איבער דער ערד...

וואָס מיינט: ווערן באַזיגט, אַלס מאַסע; זיין געצוואונגען, אומעטום, („לאָז זיין: דערווייל, אַלס מיטל...") צו בויען — אַנ־דערש, פאַרשיידן, דיפערענצירט... דאָס הייסט — אינטעלעקטועל: מיטן גאַנג פון לעבן, פון דער צייט...

ניין. זי פאַרטראַגט דאָס נישט, די מאַסע. זי ציט, אייביק: צו איר אומדיפערענצירטן איינוניינציקן גאָס... הן עם אחד... (בראַ־שית י"א, מגדל־בבל;) און צו איר געייניקט לשון... ושפה אחת ודברים אחדים... (דאָרט;) מיט איין וואָרט: — אַף צוריק; צו פינצטע־רער איינקייט — אין כאָאָס...

און ער האָט זיך, דאַרום, פירגענומען, דער מענטשלעכער אינטע־לעקט, (דער מאַסעס שרעקלעכער, פאַרהאַסטער גאָט!) — פאַר אַ ציל, דערווייל:

— צו צעמישן די שפּראַך פון דער מאַסע. צו צעטיילן איר מאַכט. צו אויסשפּרייטן איר — איבער דער ערד. זי זאָל רעדן — אַף וואָס מער באַזונדערע לשונות; זי זאָל זיך נישט פאַרשטיין; זי זאָל זיך קריגן...

און ער האָט זיך פירגענומען, דער מענטשלעכער אינטעלעקט:

— צו פלאַנצן, אומעטום, בא דער מאַסע: אַנדערע מנהגים, שטיי־נערם, פירעכצן. עס הייסט: באַזונדערע מאָראַלן אפילו — פון פעלקער, פון לענדער...

— אַזוי אַרום: וועט די מאַסע (אַ צעטיילטע; במילא — אַ לייכטער־באַהערשטע דורכן סאָציאַלן אינטעלעקט —) — אָנשטאָט, איר אייגע־נער איינוניינציקער אימפּולסיווער אַנטיסאָציאַלער אַלוועלטלעכער מאַסן־שטאָט, — בויען אומעטום — אַנדערע שטעט: ליכטיקע, סאָציאַלע!..

און אָט די בויונג — אַזאַ שרעקלעך־לאַנגזאַמע; די אַלע פּילצאַליקע ישובים: מיט אַזויפיל סאָציאַלע שטייגערס, מנהגים, פעלקער־און־לענדער־מאָראַלן; און מיט אָט דעם גאַנצן שטודיום און אינטעלעקטס גריילעך־גע־דולדיקן איינקנעלן, אַרום דעם — איז עס מחויב, מיט דער צייט: (און, נאָכאַמאָל: אונטער דעם שטרענגן קאָנטראָל פון דער ציוי־רישן אינטעלעקט;) נעמען, בהדרגהדיק, אויפדעקן, פאַרזיכ־טיק, פאַר דער מענגע מאַסע באַוואוסטזיניק־ווערנדע מענטשן: ווידער, דעם סוד:

— אַז די אַלע שטייגערס, לשונות א.א.וו. זענען: טאַקע פאַרט — נישט מער, ווי מיטלען: פאַר דעם ענדלעכן (און אפשר — אומענד־לעכן) ליכטיקן אוניווערסאַלן ציל: פון אַ דיפערענצירט־געייניקטער

באוואוסטזיניק-סאָציאַלער מענטשהייט; וועלכע האָט אין קומען אַ, וועל-כע, קאָן זיין, איז שוין דאָ — אַזוי שנעל, ווי די מענטשהייט וועט זיך: אַלס אַזעלכע, נעמען באַגרייפן...

•

נאָר, ביז יענער טאָג וועט קומען, — איז, דערווייל, דער עיקר:

— די איינטיילונג פון דער ריזיקער אַלוועלטלעכער מאַסע: אין פעלקער, שפּראַכן, מנהגים א. א. וו. דאָס הייסט: אויפהאַלטן אין דער מאַ-סע — די אומייניקייט, דאָס קריגערישע. ווייל: בלויז דאַדורך, קאָן זיך-אויסלעבן דער אייביק-דראָענדער דראַנג פון דער אימ-פולסיווער מאַסע: צוריקצוגיין — (לאָז זיין — דורך אַלוועלטלעכער קריגס-צעשטערונג, פייער און שווערד!) — צום געייניקטן שלום, אין הארץ פון כאָאָס...*) **)

אַ חוץ דעם — זאָל דאָ קלאָר געזאָגט ווערן:

אַז — איין זאַך איז: דער פּרינציפּ פון אָרגאַנישע די-פערענצירונגען — אין אויפמארש — וואָס טרייבן פאָרויס דעם פּראָגרעס, פאָרשריט און אַנטוויקלונג פון דער ביאָלאָגיע, בכלל; און דער זעלבער פּרינציפּ, אַנגעווענדעט אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט: (די יונ-גע אויפגייענדע אינטעלעקטועל-סאָציאַלע טראַכט-און-שטייגער-דיפערענצי-רונגען, די מעכטיקע סאָציאַלע בענדער פון אַקאָרשט-רייף-געוואָרענע שיכטן, קלאַסן א.א.וו., דאָס הייסט: ווען די דיפערענצירונגען, צוזאַמען מיט זייערע טרעגער, האַלטן ערשט אין אויפקומען —) איז די איינציקע ערבות פאַר דעם אינטעלעקטועל-סאָציאַלן פּראָגרעס פון דער מענטש-לעכער ציוויליזאַציע, —

און גאָר עפּעס אַנדערש איז: ווען די זעלבע די-פערענצירונגען (פון שטייגער, טראַכט א.א.וו.) האָבן (אַלס אינטעלעק-

*) ווייל: פון ליבע — צו האָס, און פאַרקערט, — איז דאָך, כידוע, בײַ דער אימפּולסיווער מאַסע — איין שריט...

**) דאָס איז, באַזונדערס, צו מערקן: בײַ יונגע אימפּולסיווע פעלקער. און עס איז, אגב, די נאַציאָנאַליטעטן-פּאָליטיק פונעם יונגן ראַטנפאַר-באַנד: וועלכער האָט איינגעפירט די אינטעלעקטועל-סאָציאַלע קאָמוניס-טיש-פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע — פון אויבן; דאָס הייסט: איידער זי איז אַרויסגעוואַקסן — אויס דעם געוועטנועלן סאָציאַלן פאָר-שריט פון זיינע (פּרימיטיווע) פעלקער. און ער איז געצוואונגען, דערום — אַ חוץ דער דיקטאַטור — צו פאַרטראַכטן אַנדערע מיטלען: ווי אַזוי זיך-אויפצוהאַלטן; דאָס הייסט: ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן דעם אַלגעמיינעם פּרימיטיוון מאַסן-דראַנג פון זיינע יונגע אימפּולסיווע פעלקער — צום אַנטיסאָציאַלן כאָאָס...

טועל־סאָציאַלע בענדער,) שוין אָפּגעדינט; געוואָרן אַלט, און לויז, און אָפּגעלעבט. זיי קענען שוין נישט דינען מער — אַלס אינטעלעקטועל־סאָציאַלע צוים־בענדער, פאַר דער מענטשן־מאַסע. און זי, די מאַסע: אַ מיט־איינמאָל — לויז־געוואָרענע, — (און וועלכע איז, מיט איר עלעמענטאַלן געמיט — סיי־ווי — אייביק־ יונג־אימפולסיוו פאַרבליבן, ווי געווען), — נעמט, ערשט — אַ פּלעצלעך־צו־זיך־געקומענע, אַ געייניקטע, — שנעל צוריקקערן צו איר אייביקן פינצטערן צוריקדראַנג — צו כאַאָס, צו צעשטערונג, צו חורבן... זי נעמט ווערן, אַזוי אַרום — אַ שרעקלעכע געפאַר; זי נעמט באַדראָען: דעם גאַנצן קיום פון דער אינטעלעקטועל־סאָציאַלער ציוויליזאַציע; דעם גאַנצן, מיט־אַזויפיל־גוואַלדיקער־מי־דורכן־אינטעלעקט־אויפגעשטעלטן, בנין — פון דער מענטשהייט...

איז, דאַן: אין אַ פּעריאָד פון אַזעלכע גרייִלעכע געפאַרן — (און ביז וואַנען ער — דער מענטשלעכער סאָציאַלער אינטעלעקט — באַווייזט אָנצורייפן: נייע סאָציאַלע דיפערענצירונגען, נייע סאָציאַלע בענדער פאַר דער מיט־איינמאָל־אויסגעשפּאַנט־געבליבענער־און־צו־דער־כאַאָטישער־אייניקייט־גאַלאָפּירנדער מענטשן־מאַסע), — וועט ער, דערווייל, איילן, דער אינטעלעקט; און זעען טון אַלץ, — אַבי צוריק איינשפּאַנען דער מאַסע; לאָז־זיין — אין די אַלט־געוואָרענע רייטוועגענער פון די אָפּגעלעבטע טראַכט־און־שטייגער־דיפערענצירונגען... וועלכע דאַרפן, מהיום והלאה: ווערן אָפּגעפרישט און פאַרהערלעכט; אָפּגעגלאַנצט און געהייליקט; לאָז זיין: ווי די טראַדיציע — אומבאַרירלעך; ווי די גאָטהייט... (הגם ער, דער אינטעלעקט, ווייסט: אַז: שפּעטער: ווען די נייע עכטע סאָציאַלע דיפערענצירונגען, די סאָציאַל־אינטעלעקטועלע צוים־בענדער וועלן רייף־ווערן; און עס וועט שלאָגן די שעה — זיי אָנצוטון אויף דער מענטשן־מאַסע, — וועט אים אָט דער איצטיקער שפּיל דאַרפן קאָסטן שווינדלעך־טייער — ביז ער וועט באַווייזן די אַליין־איצט־מיט־די־אייגענע־הענט־איינגעצויגענע־אַלטע־בענדער — פון דער פאַרביסענער מענטשן־מאַסע אַרונטערצושינדן... נאָר — אַלץ האָט די ווערט...), — אַבי זיי (די אַלטע אָפּגעפרישטע דיפערענצירונגען): זאָלן, דערווייל, שטיין־בלייבן אינדערמיט, צווישן מאַסן און מאַסן — ווי די ווענט, ווי די דאַמבעס; איר צווינגען — דער שטורמיש־דערוואַכטער־אויפגעקאָכטער מאַסן־לאַווע — זיך צו צעטיילן; זיך צו צעשפּאַלטן פיינטלעך־פאַרהאַסט־קעגנזייטיק; דאַדורך — זיך־אויסלעבן, אין קליינע קריגערייען; דאַדורך — זיך־אויסזידן, אויסשטורעמען... אַבי — עס זאָל אויפגעגעבן ווערן: דער ווילד־צעיושעטער, פינצטער־דערוואַכטער, צענטראַלער מאַסן־צוריקדראַנג — דורך פייער־קריג־און־שווערד — צום געייניקט־ספּאַזמאַטישן אַריינפאַלום אין כאַאָס...

•

אלזאָ — ווי מיר זעען — איז: די באַזע, דערווייל, פון דער סאָציאַ־לער ציוויליזאַציע, איר ערבות — די אומיינקייט פון דער אַלוועלטלעכער מאַסע... איר קינדיש־שפּילעוודיקע פיל־קאָלירקייט... נ אָ ר אַזוי — שאַפט זיך די מעגלעכקייט: צו טרייבן די אַלוועלטלעכע סאָציאַלע, מענטש־לעכע קולטור — פאָרויס... און נאָר אַזוי — איז געוואָרן אויסגעשמידט בא דער מענטשהייט די סאָציאַלע שטייגער־מאָראַל, אין אַלע אירע שטופן: אָנהויבנדיק פון דער משפּחה־מאָראַל; און זיך־באַוועגנדיק אַלץ ווייטער — צו דער מאָראַל פון שיכטן, קלאַסן, פעלקער; העט, ביז צום דערגרייכן דעם באַוואוסטזיין (דערווייל, בלויז אין דער וויזיע פון יחידי־סגולה;) פון אַ צווישנפעלקערלעכער אַלוועלטלעכער סאָציאַל־געייניקטער מאָראַל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט...

●

מיר האָבן זיך שוין אָבער, אַ וודאַי, פון דעם אויבנעקספּאָנירטן, אָנגע־שטויסן אַליין: אַז די פינצטערע אימפּולסיווע מאַסן־כוחות פון דער מענטשהייט זענען נישט צום אויסראָטן. זיי זענען — אייביק. זיי זענען פּונקט אַזוי אייביק, ווי די ליכטיקע קראַפט פון אינטעלעקט. און ביידע — מאַסע און אינטעלעקט — זענען: די אָפּשפּיגלונג, אינעם מענטשנס געמיט — פון דעם אייביק־פּאַטאַלן גערנגל צווישן די עלעמענטן פון סטאַ־טיק און דינאַמיק אין דעם קאָסמאָס...

אַזוי: אַז די אייביקע פינצטער־אימפּולסיווע מאַסן־כוחות פון דער מענטשהייט — וועלכע זענען נ י ש ט ־ צום־אויסראָטן, — זיי קענען ווערן בלויז באַהערשט און געצוימט, דורכן סאָציאַלן אינטעלעקט; נאָר: נ י ש ט — געבראָכן און אומגעענדערט (פאַרביטן): אין זייער מהות, אין זייער נאַטור, טבע; עס מיינט, אין זייער קיינמאָל נישט נאָכלאָזנדער שטרעבונג: צו צעשטערונג; צוריקצוקערן צום קאָסמישן כאָאָס. (דורך האַס, דורך ליבע — אַלציינס...) און זיי לויערן אייביק, די פינצטערע כוחות; זיי וואַרטן אויף זייער שעת־הכושר: אום צו צעשטערן אַלע סאָציאַלע צוי־מען און איינשטעלעניש פון פאַרהאַסטן אינטעלעקט; אַליין, אַרויפקומען אַף דער אויבערפלאַך; איבערנעמען די רסן־הממשלה; און נעמען טרייבן די גאַנצע מענטשהייט — צוריק צו כאַאָס!..

אַט דער געראַנגל — דאַרף מען וויסן — צווישן אימפּולסיוון כאַאָס און ליכטיקן אינטעלעקט, איז — אייביק: אינעם מענטשן, און אין דער געזעלשאַפט.

אַמאָל: פאַרכאַפּן די פינצטערע אימפּולסיווע כוחות די מאַכט — בלויז אין איין מענטשן.

אַמאָל: געלינגט זיי צו באַהערשן — אַ גאַנצן שיכט, אָדער קלאַס;

באזונדערס: אן אלט־ווערנדן, א אפגעלעבטן; וועלכער דארף שוין, סיי־ווי, אראפ פון דער סצענע, לאזן דאס פלאץ — פאר נייער אויפגייענדער יוגנט. (דארווין־געזעץ פון נאטור־אפקלויב, אנגעווענדעט אף מארקס׳ פאליטיש־עקאנאמישן געזעץ פון קלאסן־קאמף; עס הייסט: פון אויפגאנג און אפגאנג פון קלאסן — אינערהאלב דער געזעלשאפט, אין איר סאציאלן מארש פאראויס.)

אמאל, ווידער: געלינגט די פינצטערע אימפולסיווע כוחות — צו פארכאפן א גאנץ פאלק; און עס אריינטרייבן אין קריג — קעגן דער גאנצער סאציאלער מענטשהייט.*)

ווען די פינצטערע אימפולסיווע כוחות באהערשן א אלט־געווארענעם קלאס פון א פאלק, וועלכער וויל נישט אפגיין, לאזן דאס פלאץ פאר זיין נאכפאלגער, — דאן, ברעכט אויס בא יענץ פאלק א סאציאלע רעוואלוציע.

אין צווייטן פאל — ווי דערמאנט — קאן אויסברעכן א אלוועלטלע־כע שרפה.

איז, דא דארף גענומען ווערן אין באטראכט: אז: איןביידע פאלן — אנטשטייט די גרייליכע געפאר:

— פון א אלגעמיינער מאסן־פארשטענדיקונג...**) דאס הייסט: אז אין ביידע לאגערן, וואס באקעמפן זיך, (אפילו אין דעם אינטעלעקטועל־סאציאלן,) זאל, מיט דער צייט, (אדאנק דעם כיוון שניתן רשות למשחית וכ״ו...) — נישט נעמען דערוואכן: דער אייביקער מאסן־אינסטינקט פון צעשטערונג און דראנג צו־כאאס... מיט איין ווארט: אט דער אלט־באקאנטער — עם אחד, שפה אחת ודברים אחדים — פון די ימי־המבול, אי־בערקערענישן, קאטאקליזמען...

דאן: ווען דאס האלט בא געשעען, — נעמט מען, צוערשט, אריבער־גיין, מאסנווייז, פון איין לאגער — אין דעם אנדערן...

ביזקל וואנען, עס דערגייט דערצו: אז ביידע קריגערישע צדדים האלטן שוין בא דערלאנגען זיך די הענט — איבער די קעפ פון זייערע פירער; אום זיך־אויפצוגיסן אין איין מאסע; וועלכע האט זיך לאנג ארומגעזוכט; ביז זי האט זיך, ענדליך, געפונען, זיך־דערקענט... און איצט — א דערוואכטע פון א הינערפלעט, א באהעפטע, אן אומבאזיג־בארע, — וועט זי איילן צו באנייען, מיט באנייטן ברען און פיבער — די אלעמאל־איבערגעריסענע ארבעט:

— צו אויפבויען, איינמאל אף תמיד — איר איינוניינציקע שטאט!

---

*) דער פאל מיט נאצי־דייטשלאנד.

**) אין קיין שום לאנד — האט שוין עמיצער געזאגט — איז נישט אזוי גרוים די שרעק פאר דער רעוואלוציע, — ווי אינעם לאנד פון דער סאציאלער רעוואלוציע גופא...

די איינציקע אימפולסיוו־אוניווערסאלע וועלט־שטאט פון דער מאסע פון אייביקן כאאס!..

●

גאר, דער ליכטיקער אינטעלעקטועלער מנהיג פון דער סאציאלער מענטשהייט — דער מענטש פון די מענטשן, — ער, זעט אליז־צו — קלאר, — און ער פארבלייבט דאך — רואיק. ער פארלירט זיך נישט...

ער זעט צו:

ווי עס נעמען ווערן לויזער איבעראל — און ממש־אומבאגרייפלעך פאר קיינעם — די סאציאלע שבלדיקע בענדער פון דער געזעלשאפט; עס שטארבן אפ, אומעטום, אלע השגות פון: סאציאלן אינטעלעקט, סאציאלער מאראל, סאציאלער מענטשהייט; ווי דער לויז־געווארענער צעטומלטער הפקר־מענטש נעמט פארלאזן, דעזערטירן: פון איין סאציאל־דעראבערטער פאזיציע — נאך דער אנדערער; גיין צוריק: פון דער אוניווערסאל־סאציאלער מאראל, (וועלכע ער האט, אפילו אין די גוטע צייטן, קוים־אומקלאר אנגעאנט,) — צו פעלקער־מאראל; און ער איז שוין גרייט זיך־ארא־פצולאזן און פאלן — העט, ביז צו ענגער, נאציאנאלער קלאסן־מאראל, (אין סתירה צו אוניווערסאלער קלאסן־מאראל,) צו נאציאנאלער שיבט־מאראל; נידערן ווייטער, אפ צוריק־צו־וועגס, זיך־אומקערן צו משפחה־מאראל; ביז ער וועט דערגיין, ענדלעך, צו דער פינצטער־אימפולסיווער איך־מאראל פון פרע־סאציאלן און פרע־היסטארישן איינזאמען צוויי־פיסיקן דזשונגל־בעל־חי... (אט די אלע שטאפלען, וואס: אז דער מענטש איז געגאן פארויס איבער זיי, — זענען זיי געווען — א גרוילעכע סאציאלע דערגרייכונג; דאקעגן, ווען ער נעמט גיין איבער זיי צוריק — ווערט דאס די באצייכענונג פון זיין אנטיסאציאלן דראנג צו כאאס...)

איז: זעט ער צו דאס אלץ, דער ליכטיקער אינטעלעקטועלער מנהיג פון דער סאציאלער מענטשהייט — און ער פארלירט זיך אלץ נישט.

נייערט: ער נעמט פארלויפן, אומעטום, די פינצטער־אימפולסיווע מאסן־כוחות־אין־אנפלייץ — דעם וועג; און ער איילט אויפשטעלן, קעגן זייער צעיושעטן אנשטורעם — די דאמבע פון זיין אייגענער רעוואלוציע־און מלחמה־סטראטעגיע.

ניין. ער, דער אינטעלעקטועל־סאציאלער פירער — פארלייקנט נישט די דראענדע געפארן. א, ער זעט צו קלאר: ווי ער האלט מיט דעם פסיכאז פון זיינע אייגענע מאסן... און ער נעמט טון אלץ, וואס עס לאזט זיך. נעמלעך:

ער גיט אויף פולשטענדיק — די סאָציאַל־אינטעלעקטועלע פּרע־טענזיעס זיינע צו דער מאַסע. און ער נעמט גאָר אליין רעדן צו זיין מאַסע: כלומרשט — נאָר אַף דער איינציקער שפּראַך, וואָס איז מאַסן ליב צו פאַרנעמען: אַף דעם לשון פון אימפּולס און עמאָציע...

ער, דער סאָציאַל־אינטעלעקטועלער פירער — פאַרשטאַרקט דאַן נאָכמער אין די רייען פון זיינע מאַסן: די אַלע אַנגעלעבטע שטייגערס, מנהגים, פּירעכצן, טראַכטן; וואָס: גייענדיק־ פ אָ ר ו י ס (ווי דערמאָנט), איז דאָס אַליץ געווען — סאָציאַל־אינטעלעקטועל ליכט; נאָר, אַצינד: ווען עס איז שוין אָפּגעלעבט, אַריבערגעלעבט, און מע דאַרף זיך ערשט אומ־קערן צו דעם צ ו ר י ק , — איז דאָס — אַנטיסאָציאַלע כאַאָטישע פינצטערניש; אָבער, דווקא דערפאַר: איז עס מסוגל: זיי, זיינע מאַסן — צו ד י פ ע ר ע נ צ י ר ן (און, במילא — אָפּהאַלטן פון אויפגוס...) מיט אָט די אַלע אַנדערע קאָלירן פון די זעלבע אַנגעלעבטע שטייגערס, מנהגים, פּירעכצן, טראַכטן א.א.וו. — באַם שונא...

א חוץ דעם: לאָזט, ערשט, דער סאָציאַל־אינטעלעקטועלער פירער — פריי אויפברויזן באַ זיינע אייגענע מאַסן, (דאָס הייסט: באַ זיך אינדער־היים; הגם, נאָר ביז א געוויסן תחום...) — אַלע פינצטערע אינסטינקטן פון צעשטערונג, פ אַ ר ד אָ ר ב נ ק י י ט , פּ ר אָ ס ט י ט ו צ י ע...*) א.א.וו., אאַ.וו... (הגם אָט די לעגאַליזירטע הפקרות וועט רואינירן די מאַסן — גענצלעך; און פאַרוויסטן און אויסברענען אין זיי וועלכן איבער־געבליבענעם סאָציאַלן שפּור — ביז לעצט...)

און, ווען דאָס אַליץ איז נאָך־נישט גענוג, — אַזוי ווערט דאַן דעם שונאס לאַגער און זיין הײם — ממש, פולשטענדיק הפקר!.. און אויסגע־ליפערט, שיר נישט — אַף אַליץ!..

אַזוי, ברויזט, ערשט, פינצטערער אימפּולס־עלעמענט — איןביידע לאַגערן באַגלייך. אָבער: דאָס איז נישט קיין שטער (פאַרקערט: עס ווערט גאָר — א אימפּולס, א סטימול) — צו קעגנזייטיקער באַקעמפונג, אויס־ראָטונג. פאַרוואָס?

— ווייל די נאַציאָנאַל־אימפּולסיווע, אָדער שיכט־און־קלאַס־אימ־פּולסיווע שטייגער־דיפערענצן געפינען זיך, איצט, פאַרשאַרפט, אין יעדן לאַגער — ביז צום העכסטן גראַד! און ד אָ ס וועט: נ י ש ט נאָר — נישט דערלאָזן, באַין אופן, צו קיין אחדות און געבן זיך די הענט; נייערט, פונקט פאַרקערט: עס וועט באַוועגן, טרייבן יעדן: אַריינצוברעכן,

*) בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן די ענגלישע בישופן אויטאָריזירט פּראָסטיטוציע אין דער ענגלישער עקספּעדיציע־אַרמיי אין פראַנקרייך.

מיט שטורעם, אין שונאס לאגער — וואו פינצטערער אימפולס־אינסטינקט וועט זיך ערשט רעכט קענען די הענט צעפירן!..

נאר: איבער די פינצטערע כוואליעס פון אט די אלע מאסע־אויפ־ברויזן — טאר מען נישט פארגעסן — שטייט אלץ וואכזאם — דער סאציאל־אינטעלעקטועלער פירער, ד ע ר מ ע נ ט ש פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן : וועלכער שמידט די שעה פון זיג!..

אום: דאן, — נאכן לאזן דער דערשעפטער און אויסגעברויזטער מאסע — אביסל קומען צו זיך, פון דער זעלבסט־שרפה, — איר באנייעם נעמען צוזמען; איינשפאנען, ווידער, אין עול פון נייע סאציאלע בענדער; פון נייעם סאציאלן שטייגער און טראכט; פון נייער סאציאלער ארבעט...

— א, צו באנייען באניים דעם איבערגעשלאגענעם סאציאל־אינטעלעקטועלן מארש; אום, צו שמידן ווייטער די צוקונפט — פאר א אוניווערסאל־ליכטיקער אינטעלעקטועל־סאציאלער מענטשהייט!..

III ליכט און זיין פאטום.

די שטייגער־מאסע איז: ווי דאס פעלד, וואס לעכצט, מיט דער טראכט, צו באפרוכפערונג און צו רעגן — אום צו נעמען שאפן, רעפראדוצירן תבואה, מ א ס ן ־ תבואה; זאנגען אסאך, איינע ענלעך צו די אנדערע...

די שטייגער־מאסע, דאס רויע פעלד — אנטהאלט אין זיך אליין דאס קערנדל. (דער פרימיטיווער מענטש האט פריער איינגעזאמלט, איידער ער האט געזייט...) דאך, מוז זי אנקומען צו א י י נ ע ם : וואס זאל איר צעאקערן; איר באמיסטיקן; אנזעטיקן איר טראכט מיט זרע.

די זעלבע שטייגער־מאסע, ווידער — דאס פעלד, אנטהאלט אויך אליין אין זיך די פייכטקייט, דעם דאמף. דאך, קען זי זיך אליין נישט העלפן. זי מוז אנקומען צ ו ם ה י מ ל : וואוהין זי שיקט דעם מאסן־דאמף; און ע ר נידערט, דערנאך, צוריק אף איר — ווי רעגן; וועלכן זי נעמט אויף, מיט איר צעלעכצטער טראכט; אום צו נעמען אויפבליען, שאפן, רעפראדוצירן, ווי געזאגט — מאסן־תבואה, אלגעמיינע שטייגער־תבואה. עס הייסט: זיך־ארויסברענגען; אויפגיין, אין פיין און אין פרייד; קומען צום אויסדרוק...

ווער איז ער — ד ע ר א י י נ ע ר, ד ע ר ה י מ ל ?

דאס איז: דער פירער פון דער שטייגער־מאסע — אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט: דער מאסן־אקטיאר, מאסן־רעדנער, מאסן־זינגער, מאסן־שרייבער; דער אזוי־גערופענער — פאלקס־טריבון; מיט אייןווארט — דער מאסן־פירער.

אָבער: אויך ער, דער מאַסן־פירער, איז, (פּונקט, ווי די מאַסע — אָן אים,) א ל יי ן — אומבאַהאָלפן.

עס שפּילט זיך נישט — אַליין; עס רעדט זיך נישט — אַליין; עס זינגט זיך נישט — אַליין; עס שרייבט זיך נישט — אַליין.

פון דער אַנדערער זייט, ווידער: לעכצט ער — פּונקט, ווי די שטייגער־מאַסע — צום אויסדרוק. ער (פּונקט ווי זי,) קאָן קיינמאָל אין זיך גאָרנישט איינהאַלטן — פאַר זיך. ער (פּונקט ווי זי,) דאַרף, קיינמאָל, גאָרנישט האָבן — פאַר זיך. זיי זענען, (די מאַסע, און איר פירער,) אין זייער תוך: געבוירענע אָרגאַנישע אָרעמע לייט; פּרינציפּיעלע אָרעמע; וועלכע קענען, קיינמאָל, גאָרנישט אָנייגענען — פאַר זיך אַליין; אַזוי אַרום — א ל יי ן רייכער־ווערן, זיך־באַלעבן; א ל יי ן וואַקסן, זיך־פּאַרטיפערן; אַנדערש ווערן...

ניין. זיי קענען נישט פאַרטראָגן — אָט די פרעמדע שווערע פּאַטאַלע לאַסט: וואָס ליגט אין זיי און דריקט זיי; לאָזט זיי נישט קומען — צו זיך אַליין: צו לויזקייט, צו ליידיקייט; אָדער — ווי זיי אַליין ווילן האָבן —: צו (אַזוי־גערופענער) פרייהייט...

און זיי זוכן: זיך־אויסצולאָדן; אויסצוטראָגן און אַרויסגעבן פון זיך די פרוכט... (אָ: תמיד, איינע און די זעלבע פרוכט; נישט — קיין נייע, נאָר — אַ רעפּראָדוצירטע; הגם — אונטער טויזנטערליי דיספּראַזירטע, פאַרגרימירטע געשטאַלטונגען און ראָלן; און דאָך, אין תוך־געגומען — די אייביק אַלץ־איינע־און־די־זעלבע מאַסן־ראָל...) אום: זי ך ־ א ל יי ן צו מאַכן — לייכטער, גרינגער; און ווערן (אויף אַ מאָמענט...) רואיקער...

דערפאַר: זוכן זיי זיך עס אַרום — אַזוי־ליידנשאַפטלעך, אַזוי פאַרצווייפלט — די מאַסע, און איר פירער. זיי קענען נישט אויסקומען — איינס, אָן דאָס אַנדערע. נישט־לעבן, נישט־עקזיסטירן, נישט־זיין. ביז: זיי וועלן זיך נישט־געפינען — אייננאַנדער; און זיך־העלפן, איינס דאָס אַנדערע — אויסליידיקן, מאַכן באַקוועמער, פרייער; אָ, צוריקבאַקומען, אויף אַ ווײַלע, די מנוחה...

אין אַלע צייטן: סיי — רואיקע, סיי — צעשטורעמטע; און אין אַלע מאָמענטן: סיי — פון פרייד, צי פון לייד, — וועט זי אָפזוכן, די גראָע שטייגער־מאַסע: איר מאַסן־זינגער פון פרייד־און־קלאָג־לידער, איר מאַסן־לערער, איר מאַסן־וואָרטזאָגער, איר מאַסן־רעדנער, איר מאַסן־שרייבער, איר פאָלקס־אַקטיאָר; (פּונקט ווי זיי אַלע — א י ר); און זיי וועלן זיך שטעלן: איינע — קעגן די אַנדערע; יעדער פון זיי: מיט דער צעלעכצטער טראַכט — אַנטקעגן...

און זי, די מאַסע, וועט בעטן בא אים, איר פירער:

— ער זאָל איר העלפן קומען צום אויסדרוק... נישט — זיך־

אויפ ברויזן; נייערט — זיך־ אויס ברויזן. נישט — איר באַ־לאַדן; נייערט: איר העלפן אויסלאַדן די תמיד אייביק אַלציינע, די גראָע, געשטאַלטלאָזע, שונדישע, אָנגעדראָלענע סענטימענ־טאַלע אויבערפלעכלעכע קוואַטשיקע עלעמענטאַרישקייט פון זיך;*) זיך־אויסכליפען, אויסוויינען — וואָס שנעלער... נישט: איר העלפן — אי־בערלעבן, צי אויפ לעבן; נייערט — אויס לעבן פון זיך, עוואַקו־אירן: דעם בלינדן לאַסטנדן שטאָף פון אומרו און שטערונג — אום זיך־אליין צו מאַכן גרינגער; און דערטרעגלעכער — די אייגענע פוסטע עקזיסטענץ...

אלזאָ: נישט — באַלאַדנקייט מיט טיפער פרייד און זאָרג; נייערט — די פוסטקייט פון דעם אַלעמען! אָט, וואָס עס איז — איר ציל...

און ער, דער פירער אירער — וועמעס אייגענע שטרעבונג איז קיינ־מאָל נישט געווען קיין אַנדערע, — וועט איילן, מיט גליק, — דאָס צו טון...

...ביידע — פירער, און מאַסע — ווען זיי זענען אַליין, באַזונדער, — זענען זיי — אומבאַהאָלפן; זיי קענען זיך אַליין נישט לייכטער מאַכן; נישט אַרויסברענגען צום אויסדרוק... און זיי לעכצן, דערפאַר — אין דער טיף, אין דער שטיל — איינס, צו דאָס אַנדערע: ווי דער „ער" און די „זי", אַלציינס...

...נו: איז — ערשט, אַז זיי האָבן זיך־אָפּגעזוכט, — אַזוי דערשפּירן זיי ביידע, גלייך פאַראַמאָל: ...ווי זייערע טראַכטן און גלידער ווערן אָנ־געצויגן, לעבן־ אויף; זיי צעעפענען זיך, מיט די בושה־ליפּן; נעמען זיך שטרעקן, מיט יובל־צאַפּל און פלאַטער, אַנטקעגן; אַ, אין ליבע־ ספּאַז־מאַטישן אָנבאָט...

און ער וועט איילן, דאַריבער — ווי געזאָגט — דער מאַסן־פירער: דער שרייבער, רעדנער, זינגער און שפּילער:

...אויסצוגיסן זיין גאַנצע לעבלעכע לאַווע — פון זיך; אַ, גאָרנישט איינהאַלטן — פאַר זיך אַליין; נייערט, אויספּליוכען אַלץ פאַראַמאָל — אין דער לעכצנדער מאַסן־טראַכט: אום — זיך־אַליין לייכטער צו מאַכן; קומען צום אויסדרוק... און טאַקע: כדי איר, דער מאַסע, צו באַפרוכפּערן... מיט זיין אייגן גראָ מאַסן־געשטאַלט...

און זי, די מאַסע — אַדאַנק איר אייגענער גראָער געשטאַלטלאָזי־קייט, — וועט דאָס אויפנעמען, מיט עפּילעפּטישן עקסטאַז — דעם אויס־

*) דערפאַר בלייבט אַזוי־ווייניק אין געמיט — פון דורכמאַכן אַ מאַסן־סצענע. בלויז דאָס אַריינדרינגען אין עמיצנס אינדיווי־דועלן — אין יחידישן — דערשיטערט...

פלוס אין איר טראכט... און נאָך מיט טיפן לייטזעליקן דאנק, דערצו, פאַר אים:

...הלמאי ער האָט (אויך) איר געהאָלפן, אצינד: זיך אויסצאַפּלען; זיך־אויסדריקן, עם הייסט, אויסליידיקן — בציבור, זיך־לייכטער מאַכן... אום, מיט דער צייט — גאָבן אויסטראָגן זיין אויספלוס, — שוין איינגאַנצן קענען צוריקקערן, ווידער — אַ געלייטערטע, אַ דערהויבענע — צו דער אייגענער לייטזעליקער (עם הייסט — פוסטער) עקזיסטענץ, ווי געווען...

●

אָט ד ע ם אַרט פירער דאַרף די שטייגער־מאַסע. ד ע ם — וועל־כער צייכנט דעם וועג: פאַר איר ש ט יי ג ע ר ־ אויסלעבונג; פאַר דער אוניפאָרמירונג און גראָער געשטאַלטלאָזיקייט פון איר זיין; אַ זיין, וואו אַלע זאָלן טרויערן און זיך־פרייען — באַגלייך...

דערפאַר, ליבט זי אים אזוי שטאַרק, די מאַסע — אָט דעם סאָרט פירער אירן! מחמת: ער זאָגט, קיינמאָל — גאָרנישט, קיין אייגנס!.. (פשוט, דערפאַר: ווייל ער פאַרמאָגט דאָס נישט.. ער זאָגט, בכלל, קיינמאָל — גאָרנישט: ווייל ער האָט נישט — וו אָ ס צו זאָגן... איז, במילא, דאַ־רום טאַקע: ווערט ער עס, דורך דער מאַסע — אזוי געאַכפּערט און גע־שעצט!..)

דערפאַר: ווייל ער איז נישט העכער — אַף אַ ז ו י פ י ל — פון דער מאַסע. און ווייל: אין גרונט גענומען, איז ער נישט אַנדערש פון איר — אַף קיין האָר...

וואָס־זשע ד אָ ך שטעקט עס אין אים אַזוינס: הלמאי די מאַסע האָט ג ר אָ ד א י ם אויסגעטיילט — אוים א י ר מ י ט ; און אים אויסדערוויילט און געקרוינט — אַלס פירער אירן?

— דאָס איז: דער אַקטיאָרישער עפעקט זיינער: ע ר טוט דאָס אַליין, וואָס די מאַסע טוט. אָבער: ער מאַכט דאָס — עפעקטפולער!.. ע ר זינגט שענער, פּלוידערט שענער, שפילט שענער, שרייבט שענער, וויינט שענער, קלאָגט שענער, צאָרנט שענער, לאַכט שענער, און שטראָפט שע־נער! מיט איין וואָרט: דער אייביקער מאַסן־אַקטיאָר!

און נאָך עפעס: און דאָס איז — דער עיקר כל־העיקרים:

— ער שפילט, תמיד — צוגעלאָזן, צונעגלעך, האַרציק, אייגן... ער רופט נישט, מיט זיין שפילן — אין ערגעץ: צו אומבאַקאַנטס, צו פרעמדס... אָ, ניין! גאָר — גראָד פאַרקערט: ער מאַכט, תמיד — אַ השיבנו נאַזאַד! ער רופט צוריק צו כאַאָס! אָט א ה י נ צ ו , — וואוהין די מאַסע ציט, שטענדיק, אַליין — אַף בלינד... אָ, אָט־אָ־ד אָ ס , וואָס די מאַסע האָט אייביק ליב... נתנה ראש ו נ ש ו ב ה ... איז: טרעפט ער עס איר אַריין, מיט זיין שפּיל, אימער — גלייך אין פינטל!.. ע ר , — שרייט אוים, אין

שפּיל — אַלץ, וואָס זי וויל; אַ האָר נישט אַנדערש! ער אונגאַדיעט איר — פֿולשטענדיק! ער גיט איר אַרויס אַ התר אַף אַלץ — אַפילו, ווען ער מאַכט כּלומרשט דעם אָנשטעל: אַז ער שטראָפט איר... דאַרף מען אָבער קיין שוטה נישט זיין, און שכל־האָבן צו פאַרשטיין: אַז דאָס איז בלויז — אַ מאָראַלישע שפּיל אַזאַ פון אים צו איר; אַ שפּיל אין שטראָפעניש; וואָס האָט דעם ציל: צו דערוואַרעמען אַביסל דאָס לעבלעכע געפילעכץ, דעם קעסל טרערן באַ דער מאַסע אונטערן לעפעלע: אום זיך־אויסצוכליופען, אויסכגיוקען אַף אַזויפיל און, דאַדורך — ז י ך אַ ל יי ן גרינגער מאַכן......

...אָט אַזוי: שפּילט ער אַלץ אויס; און ער טוט אַלץ צו איר — וואָס איר האַרץ גלוסט...

...דערפאַר: לויפט זי עס, די מאַסע, מיט אַזאַ לוסט: אויסצושפּילן, צוזאַמען מיטן פירער — אירע אַלערליי איידעלע געפילן: פון ליבע און רחמנות — אַף די באַעוולטע; פון נאָבעלן צאָרן — אַף די רשעים; פון געוויסנפּיין און חרטה — אַף די אייגענע זינד...: כּדי, נאַכהער, מיט אַ ל יי כ ט ע ר געמיט, („אַליין: געלייטערט און דערהויבן — ווי דאָס אומשולדיקע קינד אַלציינס...”), — קאָנען, באַניים, צוריקקערן צום לעבן: ווייטער אָנגיין, סקרופּולאָז, מיט די ברוטאַלסטע און שענדלעכסטע געמיינהייטן!..

נאָר, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. פאַראַן נאָך עפּעס:

מ י ט ד ע ר צ יי ט, דערגייט די מאַסע — אין איר צודרינגלעכקייט צום פירער — צו אַזאַ שטופע, — אַז זי נעמט און זי שטעלט אים אויס דעם כּוח־הרשאָה:

— צו ווערן: איר שליח־ציבור — אין אַלץ!

דאָס הייסט: אַז זי באַאויפטראָגט אים:

— ער אַליין זאָל טון אַלץ — פאַר איר!..

און זיך־פאַרוואַנדלען, אַזוי אַרום, אַליין — אין איר פולשטענדיקן אויסדרוק!

דער פירער ווערט, פון אַצינד און ווייטער: דער אויסדרוק פון אַלע הערצער און דאַכטענישן פון דער מאַסע — אין אַלץ! ער ווערט דראַמאַטיש און טראַגיש — פאַראַמאַל. (ווי אויך — קאָמעדיאַנטיש.) ער איינער אַליין — ווי דער אויטענטישער אויסדרוק פון דער מאַסע — ליידט אַלעמענס ליידן. ער לעבט אַ ד ו ר ך און בלוטעט — פאַר אַלעמענס פיינען; עס דאַרט אים דער קאָפּ — פאַר יעדן; עס טוט אים וויי — אַלעמענס וויי... (פּונקט, ווי עס פרייט אים — אַלעמענס פרייד...) און דאָס אַלץ שפּילט ער אויס — אַזוי עכט, אַזוי שיין — פאַר אַלע...

במילא: איז שוין איר אַליין, דער מאַסע, דערלויבט: צו בלייבן —

אזויווי מן־הצד, טעמפּ און הארצלאָז צו אַלץ און צו אַלעמען!.. ווייבאַלד אַז דער פירער ליידיקט אויס — אַלע אירע געפילן; און ער שפּילט דאָס אַלדינג אויס — אַזוי עכטיק, אַזוי פּרעכטיק — אין נאָמען פון אַלע...

דאָס איז אַזאַ מין: ה׳ ילחם לכם... במילא, איז — ואתם תחרישון... בלייבן אַלע בלויז — די צוקוקער צום גרייטן...

דאָס געשעט, דער עיקר — אין דער צייט פון מאַסן־שוואַנגערשאַפט: ווען זי, די קערפּער־מאַסע אַליין, איז פאַרגאַן אין טראָגן (אַדאַנק איר אויפנאַמע אין זיך — פונעם פירער) — מיט אירע שונדישע איבער־לעבעכצן פון ליבע און האַס אין ווערן; ווען זי, די קערפּער־מאַסע, איז פאַרנומען; און זי קען אַליין מער ניט אויפנעמען...

ווייל: זי, די מאַסע, איז, מיט איר קערפּער־כלי — באַגרעניצט; און זי מוז, דאַרום, אויפנעמען אַלדינג — מיט אַ מאָס; עס אויסטראָגן, אָפּטיילן פון זיך, זיך־עוואַקואירן, אויסליידיקן; אום צו לאָזן אַ פריי אָרט אין איר כלי — פאַר נאָך... קוים אָבער, איז נישטאָ קיין געדולד; און מע פּרוּווט אָנשטאָפּן די קערפּער־מאַסע, בעת זי איז פאַרנומען, — אַזוי, וועט ער זיך אָפּזאָגן, דער קערפּער: דאָס פאַר־דער־צייט־צו־אים־געבראַכ־טע — אויפצונעמען. ער וועט, נעמלעך: דעזערטירן, פאַראַטן; אָדער: ער וועט, מיט זיין כלי — צוזאַמענברעכן... דאָס געשעט, אַלציינס: סיי בײַ (געוויינלעכער) באַפרוכפּערונג, ווי בײַ פאַרגוואַלטיקונג... קוים איז דער קערפּער פאַרנומען — פון דעם ערשטן מאָל, — אַזוי, וועט ער קאַ־טעגאָריש צוריקווייזן יעטוועדן פאַרזוך — אים צו באַלעמוטשען...

נאָר, אין דער זעלבער צייט, — ווייל די אייגענע קערפּער־מאַסע — מ י ט א י ר ג ע מ י ט — נישט וויסן דערפון... אָ; זי איז, מיט אירע גרויסע אויגן: גרייט זשערען, תמיד; מעלה־גרהן, אָן אויפהער; שלינגען, זיך־איבערפרעסן מיט געפילעכץ, זיך־אויסשטאָפּן מיט געפילטע געפילן — ביז איבל, פאַרטעמפּונג און נישט־גוטקייט־ווערן... און דאָך — כאָטש עס וועט איר שוין קריכן צוריק פון גאָרגל און פון אַלע נקבים־נקבים חלילים־חלילים, — וועט זי זיך אַלץ נישט קאַיען; און זשערען ווייטער; און פּרוּוון נאָך... ביז, זי וועט שוין נישט קענען מער...

איז, דאַן: אַ אָנגעשוואָלענע, אַן אויסגעקיילעכטע — פון אונטן, ביז אַרויף,* —) וועט זי דאָס קומען צום פּקיער אירן; און אים באַפעלן, מיט האַרבן וואָרט:

---

*) און דאָס זעלבע פּאַסירט מיט דער קערפּער־מאַסע: ווען זי ווערט אַלט, אָפּגעלעבט, צעלעכצט; אָבער, מיט איר אימפּולסיווער מאַסן־אי־לוזיע, בלייבט זי אייביק שטעקן — אין איר דעפעקטיוו־אינפאַנטילישער יוגנט...

— אז ע ר זאָל דאָס כאָטש מאַכן פאַר איר — וויבאַלד אז בא איר אַליין קריכט דאָס שוין צוריק, און עס שלאָגט, עס זעצט און עס שפּאַרט — אויס אַלע לעבער אָפּער...

און זי וועט זיך נעמען בעטן בא אים:

...אָ, פּירעך! מאַך עס נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל!

אָ, פּירעך! מאַך עס נאָכאַמאָל — אוי-אוי — א ו י ! . .

דערביי:: וועט זי — די אָנגעפּלוישטע פרשדונה־פּאַרגאָסענע מאַסע — שטיין, ערשט, מן־הצד: א אָנגעבלאָזענע, א אוממעכטיקע; נאָר, דער־פאַר — א סליונעוואַטע-דמיונדיק־באַגערנדע; און זי וועט, מ י ט ן ג א נ צ ן ה א ר צ ן, דאָס אַלדינג מיטמאַכן; און, מיט שמאַלץ־מרערן, פאַר נחת, מיטוויינען, מיט גליק:

...דערפון: וואָס ער, איר פּירעך, איז — אומדערשעפּלעך, אין זיינע קוואַלן! אָ, וואָס בא אים נעמט זיך עס גאָר, קיינמאָל, נישט אויס!..

און ער, דער פּירעך אַליין: בכדי צו קענען אָנהאַלטן אין זיך אַזא אייביקע לעבלעכע צוקוועלעניש פון מאַסן־לעבן, — וועט ער זיך היטן, תמיד, ווי פאַר פייער: פון עפּעס א טראַכט-טון, חלילה:

...אום: נישט צו בלייבן אָפּגעקילט — אַף א רגע...

וועט ער זיך זעען אויפהיטן, בכלל: צו פאַרבלייבן, תמיד — פּוסט, קולטורלאָז; בלויז — קוואַטשיק־סענטימענטאַל; און ווי עס הייסט, אַף זיין לשון:

...כדי נישט צו פאַרדאַרבן די עכטקייט און אוממיטלבאַרקייט פון זיין טאַלאַנט, וואָס העלפט אים זיין אין אייביקן קאָנטאַקט מיט די מאַסן־קוואַלן פון לעבן...

ביז וואַנען: די מאַסע ליידיקט זיך אָפּ; און זי נעמט שוין אין זיך דערשפּירן באַניים — א צופלוס און איבערפלוס פון מוטנער וואַנזין־צעיושעטער אָנגעדראַלנקייט... און זי פאַלט אַראָפּ צום פּירעך:

— ווידער אויסשפּילן — צעהפקרטן מאַסן־שפּיל, ווי געוועזן!..

און ע ר , דער פּירעך — ווי מע מאָג זיך משער-זיין: איז שטענ־דיק גרייט א ף א ל ע ש פּ י ל ן — ווי אַזוי מע ווינטשט. פאַר־וואָס? — ווייל ער האָט נישט, וואָס אָנצוּוואָרן. ווייל: ער, פאַר זיך אַליין, — איז דאָך, סיי ווי — גאָרנישט...

דערפאַר: באַקומט אים די מאַסע, אַלעמאָל, ל י ב ע ר — איר פּירעך. ביז, זי נעמט אים — פאַרהייליקן. ער ווערט: איר ד י ר ע ק ־ ט ע ר ממשותדיקער אָפּגאָט; וועמען זי זעט פאַר אירע אויגן, תמיד; און, ו ו ע ן זי וויל — קאָן זי אונטערגיין און אים אָנטאַפּן...

און זי נעמט אים, דערום — אָפּגילדן, באַלוינען: צוליב זיין מי — פאַר איר!... ג א ר נ י ש ט איז שוין בא איר צ ו ־ ט יי ע ר

— פאַר אים!.. אָ! זי נעמט, ערשט, בויען — פּאַלאַצן און טעמפּלען פאַר אים! שולן — צו שטודירן זיין וואָרט... ער ווערט — איר עגל-הזהב!

פונוואַנעט דערנעמט זיך, פּלוצים: צו דער קאַרגער, אין־זיך־אַליין־איינגעבלענדעטער מאַסע — אַזאַ פזרנות?

פשוט, דערפאַר: ווייל דער גילדענער אָפּגאָט — וועלכער שטעלט איר, אַגב, תמיד אויס אַ אַ התר אַף אַלץ: אַפילו אַף איינזאַמלען דאָס אויסגעגעבענע — צוריק, מיט אַן עודף..., — בלייבט דאָך, סיי־ווי — א י ר ע ר ! . . און די טעמפּלען, וואָס זי בויעט פ אַ ר א י ם, — בויעט זי דאָך — פ אַ ר ז י ך !..

אָט אַזוי זעט עס אויס — דאָס גראָע געשטאַלטלאָזע געשטאַלט פון דעם א י מ פּ ו ל ס י ו ו ן ע מ אַ צ י אָ נ ע ל ן פירער פון דער מאַסע: וועמען זי, די מאַסע — באַנעמט, ליבט און פאַרגעטערט: אַקוראַט ווי — זיך אַליין!..

•

און עס איז פאַראַן — נ אָ ך אַ פירער פון דער מאַסע: דער א י נ־ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ר משה דער מחוקק...

אָ! אים באַנעמט נישט די מאַסע. ער איז איר — ווילד־פרעמד; און פריקרע — פאַר איר געמיט. אַזוי — ער אַליין. אַזוי — זיין מוראַדיקער ווייטער פייערדיקער גאָט: אין נאָמען פון וועמען — ער רעדט; ער באַ־וויזט וואונדער; ער באַפעלט; און, אָ, ער יאָגט אַן אַ שרעק!..

און זי האַסט זיי ב יי ד ן , די מאַסע: משה'ן, מיט זיין גאָט — אָט די בייזע אָנשיקענישן צוויי אַף איר לעבן!.. און זי האַסט ז יי — צוזאַמען מיט ז יי ע ר ע א י ד יי ע ן : וועגן חרות און שיעבוד!.. צו גיין פאַרלאָזן אַ ישוב; און נעמען וואַנדערן איבער וויסטע מדבריות; לויפן זוכן אין ערגעץ — די פרייהייט!.. — וו ע ל כ ע פ ר יי ה יי ט ? ! .

וויבאַלד: אַז זי, די מאַסע, באַדאַרף דאָס גאָרנישט צו האָבן אינגאַנצן!.. ווייל: זי האָט דאָך — אירע אַן אייגענע פרייהייט — ד י ה פ ק ר ו ת !.. וויבאַלד: אַז — עבדאָ בהפקראָ ניחאָ ליה!..

און זי גראָבט, נאָכאַנאַנד — אינדערפינצטער. זוכט צו בונטעווען, העצן א י ר א יי ג ע נ ע ם פ י ר ע ר — קעגן דעם איינגענע־סענעם פאַראַכטלעכן משה מיט זיין גאָט... פּטור־ווערן פון זיי ביידן, פאַראַמאָל! און אַלץ זאָל ווערן, ווידער — אַזוי ליב און שיין, ווי געווען!..

...אָ, נתנה ראש ונשובה!.. — ד ע ם ק אָ פּ לייגן! אַבי — צוריק זאָל מען גיין!..

נאָר משה — דער אינטעלעקטועלער פירער, דער מחוקק, — שטייט אינדערמיט — ווי אַן אומדערשראָקענער אכזר, איבער וועמענס שטיי־נערן האַרץ עס האָט נישט קיין שליטה קיין רחמנות, קיין בעטן, קיין

שום דראָונג — און ער לאָזט נישט... ער האַלט אָפּגעשניטן אַלע וועגן — אַף צוריק. און ער צייכנט בלויז, אינעם נעפּל: איין פייערדיקן שליאַך — אַף פאָרויס!..

...ער, דער אינטעלעקטועלער ליכטיקער גייסט, — האָט ערגעץ אויס-געטרוימט, אין זיין מדבר־איינזאַמקייט — די אוניווערסאַלע פייערדיקע וויזיע פון שיינער דערהויבענער און אימער־זיך־באַנייענדער פרייהייט...

...ער האָט אָבער געוואוסט (ווי מאָדנע־פּאַטאַל דאָס זאָל נישט פאָר־קומען!): אַז דער אוניווערסאַלער גייסט אַליין, מיט זיין גאַנצער אומגע־שטערטער אומאָפּגעהאַלטענער שוואונג־וויזיע, און מיט זיין אומענדלע־כער אומדערמידלעכקייט, אין אייביקן פלאַטער צו באַנייונג, — איז — פייער, ליכט. (כי הנה ה׳ אלוהיך אש אוכלה הוא...) און פייער אַליין ברענט נישט; אַז: גייסט אַליין לויכט נישט; (ורוח אלוהים מרחפת ע ל - פ נ י המים: נעמט זיך מיטן וואַסער נישט אָן; וחושך על־פני תהום: בלייבט אָנהאַלטן דאָס פינצטער...) אַז: גייסט קאָן נישט לויכטן, עקזיס־טירן־בלייבן — אָן דער אָנבאַהעפטונג מיט דער פ י נ צ ט ע ר ע ר מ א ס ע ב ר ע נ ש ט א ף : וואָס דאָס פייער מוז פאַרצערן; פון דעם זויגן און זיך־דערנערן; און, ערשט דאַן — טוט עס ברענען; טוט עס לויכטן...

...און ער האָט גענומען ציען פון זיין אָרט — אין אומרו, אין זוכע־ניש... ביז: ער האָט אַזאַ מאַסע־ברענשטאָף געפונען; און ער האָט זיך צו איר באַהעפטן; און מיט איר זיך שוין מער נישט צעשיידט...

...אום איר מיט דעם פרייהייטס־גייסט, מיט זיין פלאַמיק ליכט — צו באַלאָדן; איר דורכדרינגען; איר אָנצינדן אינגאַנצן!.. אַז זי זאָל נעמען דערפילן — העט, אין אירע סאַמע טיפענישן — איר פאַטאַלע שליחות אַף דער וועלט:

„...— ברענען; אָ, טיף פלאַקערן; און, אין שרעקלעכער געבענטש־טער פיין — לויכטן אין לעבן!.. נ י ש ט : זיך־ א ז י ס לעבן, (א ו י ס טראָגן, רעפּראָדוצירן, שאַפן,) און זיך־מאַכן ל יי כ ט ע ר , — נייערט: נעמען פערמאַנענט־אינטענסיוו לעבן — א י ן ב א נ יי־ א ו נ ג ! — אין ליידן און אין פריידן!..״

און כאָטש זי האָט נישט אויפגעגעבן, די מאַסע, קיינמאָל, אירע פינצטערע פלענער: פ ו ן ב א פ ר יי ו נ ג — א ף א י ר א יי־ ג ע נ ע ם ש ט יי ג ע ר . . . און געגראָבן כסדר, אין דער פינצטער, אַף איר ליכטיקן פירער, געברענט אַף אים מ י ט ה א ס , און גע־זוכט אים צו פאַרטיליקן, — האָט דאָס אים נישט צעטומלט, קיינמאָל; נישט צעמישט זיין לויטערקייט — אַף אַזויפיל:

...אַז ער זאָל באַרייט ווערן — איר צו פאַרלאָזן אינגאַנצן. און זיך

נעמען פארלאָזן און אָנשפּאַרן איינגאַנצן — אַף זיך אַליין...

...אָ, ניין. אין די שרעקלעכסטע שאָען פון איינזאַמקייט; פון פאַר־לאָזנקייט דורך אַלע; פון אַ גענצלעכער געבליבנקייט אַליין... ווען עס האָט אים גענומען פּרעסן דער אייגענער טיפער אינערלעכער צווייפל, אין אויסגעשריי:

„...ואעשה א ו ת ך לגוי גדול!..״ ,—

...האָט ער געוואוסט — דער אינטעלעקטועלער ליכטיקער גייסט — זיך־נישט צו פאַרלירן; אָ, זיך נישט לאָזן פאַרבלענדן, פאַרפירן — פון זיך אַליין... נאָר: צוריקצורופן צום אייגענעם צווייפל — אין פנים אַריין:

„...מחני נאָ מספרך!..״

...אָ, ווייל ער האָט געוואוסט — משה, דער ליכטיקער גייסט — און געפילט אין זיך אין דער טיף — די פאַטאַלע וואָר:

„...אָז: ליכט פון ליכט אַליין — ברענט נישט... (...בני משה — עובדי עבודה-זרה היו....) — אָן דעם ברענשטאָף פון דער פינצטערער אייביק־רעבעלירנדער מאַסע...״

...און ער האָט געאײלט, דארום: אומפאַרזאָמט — זיך־באַניים מיט איר באַהעפטן! אום: זי זאָל ווידער באַנייען איר פאַטאַלע שליחות אַף דער וועלט:

„...פאַרצערן ביז לעצט — ז י ך ... און אויסצערן, באַגלייך, מיט ליבע און מיט האַס, טראָפּן-נאָך־טראָפּן — דאָס חיות פ ו נ ע ם ל י כ ט אַ ל יי ן , פונעם גייסט... אים פאַרלענדן אַזוי אינגאַנצן...

„...אַז מע זאָל גאָרנישט קענען דערגיין, קיינמאָל, מיין:
וואו עס איז אַהינגעקומען זיין געביין...״

IV מענטש און גאָט

I

משה, ד ע ר א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ר מ ח ו ק ק — איז אומדערגרייכבאַר-טראַגיש-העכער: נישט נאָר — פון דעם פינצטער־אימפּולסיוו-צעבושעוועטן פּ אָ ל ק , וואָס ציט אָן־אויפהער צו צע־שטערערישער הפקרות, — נאָר נאָכמער — פון דעם נישט-ווינציקער, גייערט אומגעהויער־מערער אימפּולסיוו-אומגעצוימטן, קליינלעך־נישטיק אין־זיך־פאַרבלענדעטן ג אָ ט , וועלכער דראָעט בסדר מיט פאַרלענד און אומברענג... הניחה לי ואכלם...; וועלכער איז אַ בלינד אומבאַהאַלפן שפּילצייג, אין רשות פון זיינע בלינדע סטיכישע כאַאָס־עלעמענטן...

קענגיבער אָט ד ע ר געטלעכער נישטיקייט — וואָס קען זיך קיינמאָל אַליין אין גאָרנישט קיין עצה געבן, — וואָס קאָן נישט דאָס לעבן, וואָס שרעקט זיך דערפאַר, וואָס זוכט נאָר (אונטער כל-ערליי תי־

רוצים) צו אנטלויפן פון דעם און זיך אויסדרייען פון דעם, וואָס צי־טערט אימת־מות פאר דער פּאַטענץ פון מענטש: אז ער זאָל אים נישט דערלאַנגען אמאָל איבערן קאָפּ, (הן האָדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע ועתה פן ישלח ידו ולקח גם מעץ החיים ואָכל וחי לעולם,) און ער זוכט דארום א אמתלאָ: דעם מענטש מיטן לעבן צוריק צו צעשטערן און אַלעם צוריקברענגען צו כאָאָס, ווי געווען, — קעגניבער אָט דעם גריילעכן געטלעך־פאַרעטערישן גאַרנישט, — ווי ריזיק טראַגיש־אומדערגרייכבאר עס וואַקסט אוים דאָס איינזאַמע געשטאַלט פון אינטעלעקטועלן מחוקק משה: וועלכער האָט זיך געשטעלט אינדערמיט — צווישן א פינצטער־דעגענעריירט שקלאַפן־פאָלק, און א אומגעלומפּערטן ענג־האַרציקן בלוט־דורשטיקן גאָט: כדי אָפּצוהאַלטןביידן פון מאָרד און זעלבסטמאָרד; כדי זיי ביידן צו דערהאַלטן, ווי עס איז, באם לעבן...

און ד אָ ס כסדר שפּירנדיק: ווי משה איז העכער פון אים, — ווי משה פארשטעלט אים פארן פאָלק — אז מע הערט שוין באַלד א ו י ף ארויסזעען א י ם , נאָר אָנזעען מ ש ה ן א ל יי ן , — קאָן דאָס אים דער קליינלעך־אייפערדיקער גאָטל, וועלכער שפּאַרט דיר אָן אומע־טום — נאַטירלעך, קיינמאָל נישט מוחל זיין. משהס אומדערגרייכבארע הייך נעמט אים מאַכן טיף־אומרואיק; יאָגט אָן אַף אים א טויט־שרעק...

און ער באַשליסט: פּטור צו ווערן פון אים, איינמאָל אַף תמיד; אים נישט אריינלאָזן אין דעם פארשפּראָכענעם לאַנד; אים אומברענגען און פארלענדן אזוי, — אז עס זאָל שוין מער קיינער קיינמאָל נישט דער־גיין, וואו עס איז אהינגעקומען זיין געביין... און דאַן — וועט ע ר , ווידער, גאָט דער נוקם ונוטר, ארומשווימען אָפן יאריד — איינער אליין...

און אזוי האָט ער געטון.

בלייבט איצטער צו ווימן: וויאזוי איז אָט די געטלעכע אָפּעראַציע געלונגען.

נאָר, כדי דאָס פעסטצושטעלן, — איז גענוג צו לאָזן פאַלן אונזער בליק אַף וועלכן־עס־זאָל־ניט־זיין צייט־אָפּשניט אין דער וועלט־געשיכטע — אום צו דערזעען גלייך: וואָס פאר א פלאַץ עס ווערט תמיד אָפּגעגעבן צו דעם געביין־אָפּגעווישטן משה; און וואָס פאר אן אָרט — פאר דעם אייפעריק־אומעטום־זיין־נאָז־שפּארנדן גאָט.

V די פרייהייט — אין פּערמאַנענטער באַדראָונג.

„די עקסטרעמע פרייהייט פון א דעמאָקראַטיע גייט תמיד אריבער צו א דעספּאָטיזם"; — האָט געלערנט פּלאַטאָן.

דאָס איז, דערפאַר: ווייל: יעדער ארויסגעבראַכטער געדאַנק איז — א ליגן. (אָ. ווײַלד.)

עס איז: דער אייביקער קאַמף צווישן אַנטיטעזע, און טעזע; צווישן ליכט, און פינצטער; צווישן שכל, און אימפּולס.

די פינצטערע אימפּולסיווע טעזע איז — די אייביקע ברענשטאָף־מאַסע פאַרן ליכט... דאָס איז — פאַטאַליטעט.

בעת דאָס אויסגעליוכטענע, אויסגעדריקטע ליכט — אין איין געוויסער פאָרם — נעמט ווערן נעגירט פון זיך אַליין; און עס דאַרף שוין נעמען שטרעבן צו דערהויבונג, צו נייער העכערער ליוכטונג, — דאַן אַנטשטייט, אונטערדעסן, אַ קריזיס...

בעת איין שבלדיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרם דערגייט צו איר פולסטן אויסדרוק; זי נעמט ווערן אָפּגעלעבט; און עס דאַרף אַנטשטיין, אַף איר אָרט, אַ העכערע אַנטיטעטישע ליכטיקע פאָרם, — בלייבט, דערווייל, דאַן, די געזעלשאַפט — פאַרהאַלטן אַפן קרייצוועג, אַפן שייד־וועג...

ווייל, אין יענעם מאָמענט פון טיפער געזעלשאַפטלעכער דערשיטערונג: ווען די אינטעלעקטועל־פאַרעלטערטע פאָרם האָט געגנצלעך־אָפּגעלעבט, — האָבן, במילא, נאָכגעלאָזט אַלע סאָציאַלע בענדער פון דער געזעלשאַפט...

און דאָס גיט פּלאַץ פאַר אַלע פינצטערע אימפּולסיווע טעזע־קרעפטן אין דער געזעלשאַפט, (וועלכע זענען, ביז איצט, געצוואונגען געווען — ווי די ברענשטאָף־מאַסע, דורכן ליכט... — מיטצוגיין פאָרויס, —) ע ר ש ט — אויפצוהויבן דעם קאָפּ; און — אין זייער אייביקער פינצטער־צעבושעוועטקייט פון אומפאַרענדערלעכע עלעמענטן — נעמען מאַרשירן און מיטשלעפּן מיט זיך דאָס גאַנצע לעבן: צוריק, צום אָפּגרונט פון כאַאָס! צו אויפהערן ברענען — פאַרן ליכט! צו איינשטעלן די דעספּאָטישע פינצטערע הערשאַפט — איבעראַל!..

ביז: אינטעלעקט קומט ווידער צו זיך — פון זיין שלאַבעריק־געוואָרנקייט.. ער שטאַרקט זיך. און ער צוימט באַניים די פינצטערע ברענשטאָף־מאַסע. ער צינדט איר אָן, ווידער, מיט זיין פלאַם. און ליוכט שוין באַניים. און ער שטרעקט זיך, ערשט, אין דערהויבונג — צו אַ נייער העכערער פאָרם פון ליכט!..

VI דאָס מאָראַלישע רעכט אַף מאָרד און מאַסן־מאָרד. (מלחמה.)

באַנעמען די סאָציאַלע מענטשהייט מיט איר אינטעלעקטועל־סאָציאַלער מאָראַל — ה י ס ט אָ ר י ש - מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש, — מיינט צו זאָגן: אַז דער ציל — דעם מענטשנס ווויסנשאַפטלעכער פּראָגרעס און גאַנג פאָרויס, צו זיין צוקונפט — הייליקט, אין פּלוג, (דערקלערט

פאַר מאָראַליש) אַלע מיטלען; זאָגאַר — אויס דעם אַזויגערופענעם אייביק־
מאָראַלישן שטאַנדפּונקט — די אוממאָראַלישסטע.

ווייל די מאָראַל איז נישט קיין געטלעך־אומאָפּהענגיקע, אין איר
עקזיסטענץ — אויסערהאַלב דער אינטעלעקטועל־סאָציאַלער מענטשהייט.
זי הויבט אָן איר קיום — מיט דעם אנטשטיין פון דער אינטעלעקטועל-
סאָציאַלער געזעלשאַפט, כדי אויפצוהאַלטן דעם קיום פון אָט דער זעלבער
געזעלשאַפט; וואָס דאָס איז — דער עיקר כל העיקרים און איבער אַלץ.
נ י ש ט , די געזעלשאַפט — פאַר דער מאָראַל, — נאָר, די מאָראַל —
פאַר דער געזעלשאַפט. איז, במילאָ: ווען די מאָראַל פאַרגעסט זיך, אַמאָל
— ווער זי איז, פונוואַנען זי שטאַמט, און, זיך־דערקלערנדיק, פלוצים,
פאַר אומאָפּהענגיק — (אַ באַאיינפלוסטע, אַ וודאי, פון מענטשנס אַנטי־
סאָציאַלער אימפּולס־וועלט) — פאַרמעסט זי זיך, אין אַ קאָנפליקט מיטן
עצם קיום פון דער לאָגיש-סאָציאַלער געזעלשאַפט, — (למשל: ווען אַ
פּערווערזער יחיד, אָדער רבים אַטענטירט און באַדראָעט ערנסט די עק־
זיסטענץ פון דער סאָציאַלער געזעלשאַפט, און די פאַרקריפּלטע „גאָט-
מאָראַל” נעמט וואָרענען: נישט צו מאָרדן און זיך־לאָזן אויסשעכטן, —)
דאַן, וועט די זעלבע סאָציאַלע געזעלשאַפט — אין נאָמען פון איר העכס־
טער און איינציקער קיום־מאָראַל, — גלייך דעמאַסקירן איר שונא —
יענער זעלבסשטענדיק-געוואָרענער הפקר־מאָראַל; אָנווייזן: אַז זי האָט
זיך אָפּגעריסן פון איר אינטעלעקטועלן שורש און אַרונטערגעפאַלן אונ-
טערן איינפלוס פון מענטשנס שונא, דעם כאַאָס־אימפּולס, מיט זיין טענ־
דענץ צו אומקום; באַלד דערקלערן יענע גאַסן-מאָראַל, לעין-השמש, אַלס
— אום־און־אַנטי-מאָראַל!; איר פאַרטרייבן, מיט עקל און צאָרן, פון
איר מיט — צום טייוול; און — אַליין, אַ באַוואָפנטע מיט איר עכטער
און גערעכטער קיום-מאָראַל — זיך־וואַרפן אין קאַמף קעגן שונא דעם
אָנגרייפער, כדי אים צו פאַרטיליקן און אויסראָטן זיין געביין.

אָט דאָס איז די סאָציאַל־מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון דער סאָציאַ-
לער געזעלשאַפט, אין אַלע צייטן: צו אויסראָטן (באַגיין אַ מאָרד,) אַלס
מאָראַלישע טוגנט: סיי דעם פּערווערזן אימפּולסיוו-צעבושעוועטן יחיד,
וואָס אַטענטירט אַפן קיום פון דער געזעלשאַפט; סיי דעם פּערווערזן
אימפּולסיוו־צעבושעוועטן רבים, (אים דערקלערן קריג, מאַסן־מאָרד,) וואָס
האָט באַפאַלן די סאָציאַלע געזעלשאַפט.

עם הייסט, נאָכאַמאָל: אַז אָט דער מאָרד, און דער מאַסן־מאָרד (די
מלחמה) ווערן דערהויבן, דורך דער אינטעלעקטועל-סאָציאַלער געזעל־
שאַפט, דורך דער סאָציאַלער מענטשהייט, צו דער קאַטעגאָריע פון —
העכסטער מאָראַלישער טוגנט.

וואָס איז נוגע, ווידער, ד ע ם א ו פ ן , ו ו י א ז ו י צו דער־

מאָרדן דעם יחיד דעם אויסוואורף, אָדער וויאַזוי אויסצומאָרדן (בשעת מלחמה) דעם דעגענערירטן רבים, — דעם אופן: עס הייסט — וואָס אָנבאַלאַנגט די מיטלען, וואָס פירן צום איינציק־מאָראַלישן ציל, — וואָלטן דאָך, אין פּלוג, לאָגיש־מאָראַלישערווייזע — אַלע מיטלען באַדאַרפט זיין הייליק...

און דאָך, זוכט די געזונטע סאָציאַלע געזעלשאַפט: צו הומאַניזירן די דערמאָרדונג פון דעם פערווערזן יחיד; ווי אויך צו הומאַניזירן די פאַרטיליקונג פון דעם דעגענערירטן רבים, בעת מלחמה.

פאַרוואָס? ווייל מאָרד איז אַ טוגנט נאָר דאַן, — ווען דאָס ווערט — לאָגיש־מאָראַליש באַגריפן; עס מיינט: ווען עס מאָרדעט דעם אויסוואורף (דעם יחיד, צי דעם רבים) — דעם מענטשנס געזונטער סאָציאַלער אינטעלעקט, וועלכער וואַכט, אין זיין באַרוף, איבערן קיום פון דער סאָציאַלער מענטשהייט.

נאָר, דער זעלבער פּראָצעס פון מאָרדן די אויסוואורפן (דעם יחיד, צי דעם רבים,) וועט גלייך אויפהערן צו זיין אַ טוגנט, — ווי נאָר אין דעם אַקט, אין דער דאָזיקער האַנדלונג וועט אינטערווענירן — יעדן איינעמס אימפּולס: מיט זיין לוסט־כאַאָטישער סתם־בלינדער טענדענץ צו פאַרברעכערישער אויסראָטונג און מאָרד־זעלבסטמערדערישער פאַרטיליקונג פון לעבן, אָן אויסנאַם...

אָט די דאָזיקע אימפּולסיווע אַנטיסאָציאַלע טענדענץ — פון בלינדן מאָרד און זעלבסטמאָרד, — לויערט — אין יעדן איינעם פון אונז, און אויף אַלע שטאַפּלען און יעראַרכיעס פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. און אַלע מאָל, ווען די מענטשלעכע סאָציאַלע מאָראַל ווערט געשטעלט צום נסיון: עס הייסט, אויף דער וואָג־שאָל צווישן דערהייבונג און פאַלונג, — (אָט, ווי, למשל, בײַ די פאַלן פון דאַרפן אויסראָטן אַ פערווערזן יחיד, צי אַ רבים, —) דאַן יאָגט אָן, אומגעריכט, דער פינצטער־בלוטיקער מערדער־אימפּולס; און ער זוכט צו נעמען אין דיר, אין מיר, אין אונז אַלע — די אויבערהאַנט... אַזוי, אַז אַ צעמישונג זאָל אַנטשטיין... צוערשט, זאָל מען נישט וויסן: „צי מע מאָג גאָר אינגאַנצן מאָרדן? צי איז דאָס נישט — אַ פאַרברעכן קעגן דער „מאָראַל”?..” און נאָכהער, ווען עס געלינגט שוין צו דעמאַסקירן דעם שונא, (ווי אויבן געבראַכט גענויער;) און די געזונטע סאָציאַלע מענטשהייט ווערט, ענדלעך, דעצידירט, אינטעלעקטועל־מאָראַליש: אונטערצונעמען די אויסראָטונג פון די שונאים — אַזוי, פונעם יחיד, ווי פונעם רבים, — דאַן זאָל מען, מיטיינמאָל, אויפהערן צו וויסן: „ווער עס מאָרדעט, איצט? דער מאָראַלישער אינטעלעקט, — צי, ווידער — דער אַנטימאָראַלישער אימ-

פּולס?!.״ און ווײַבאַלד — אַ פראַגע, אַ צעמישונג, — איז דאָך קלאָר: אַז די תשובה די געגויע די קלאָרע וועט נישט אויספאַלן גאָר־גײַנ־סטיק פאַר דער סאָציאַלער מענטשהייט; און איר סאָציאַל-אינטעלעק־טועלער געוויסן זאָל בלייבן, אייביק, אומרואיק. במילא, זאָל ער זוכן שוין: אין דער הומאַניזירונג פון יחיד-מאָרד, (ווען מע דאַרף,) און פון מאַסן־מאָרד (מלחמה); און מיטן אויסקוק, האָפענונג און שטרעבונג: צו דערפירן די סאָציאַלע מענטשהייט צו אַזאַ ליכטיקער אינטעלעקטועלער הויך, — ווען יעטוועדע אַפּטריניקונג, (סיי מצד אַ יחיד, סיי מצד אַ רבים,) און פאַרמעסט קעגן דער סאָציאַלער מענטשהייט זאָל ווערן — אַ זאַך, כמעט אַן אויסגעשלאָסענע.

●

נאָר, דערווײַל, בײַ די איצטיקע אומשטענדן, — איז מאָרד, און מאַסן-מאָרד (פון אַ פּערווערזן יחיד, און פון אַ פּערווערזן רבים) — אַ הויכע מאָראַלישע טוגנט; הגם עס איז, גלייכצייטיק, קלאָר: אַז — בשעתן דורכפירן די דאָזיקע אַקטן פון מאָרד און פון מאַסן־מאָרד, — ווערן די דורכפירער גופא — אויס דער געזונטער טייל סאָ־ציאַלער געזעלשאַפט — אימפּולסיוו־דעגענערירט און מאָראַליש-געבראָכן-געפאַלן און צעפאַלן, ביז לעצט...

איז — דאָס דאַרף זײַן די הויכע סאָציאַלע פליכט פון אינטעלעק־טועל סאָציאַלן פירער — נאָכדעם, ווי די „סאָציאַלע״ זינגערישע טייל געזעלשאַפט האָט זיך געראַטעוועט פון די געפאַרן, וואָס האָבן באַדראָעט איר קיום, — באַניים אינטעלעקטועל-סאָציאַל איר גאַנץ־מאַכן פון איר אימפּולסיווער צעפאַלנקייט; און דאַן — באַניים אויפריכטן אין איר, עס הייסט, אינערהאַלב איר מיט — די סאָציאַל־אינטע־לעקטועלע מאָראַל, מיט אַלע אירע הויכע טוגנטן — לטובת דעם קיום און אינטעלעקטועלן פּראָגרעס פון אַ גאַנצער סאָציאַלער מענטש־הייט...

איצט: ווי אַזוי זאָל דאָס דער מנהיג דורכפירן דעם דאָזיקן הייליקן ציל? מיט וואָס פאַר אַ מיטלען? מיט וועלכע וועגן?

און דער ענטפער איז:

מיט אַלע מיטלען; און דורך אַלע וועגן.

אין אַ צייט פון אַלגעמיינער מאָראַלישער געבראָכנקייט און גע־זעלשאַפטלעכער צעפאַלנקייט, — איז דער אינטעלעקטועלער מנהיג — איינציק, אין זײַן צוקונפט־וויזיע: בנוגע אַ סאָציאַל־צוזאַמענגעבונדענער געזעלשאַפט, מיט איר מאָראַל — וועלכע דאַרף זיך ערשט אָנהייבן, אַזוי ווי אין בראשית, פונדאַסניי; איינציק, אין זײַן צוקונפט-וויזיע: אויסערהאַלב וועלכער: נישט,

עס עקזיסטירט — אַ סאָציאַלע געזעלשאַפט; במילא, נ י ש ט — קיין סאָציאַלע מאָראַל...

איינציק! במילא, איז ער — פ ר יי — נאָר, צו גלייכער צייט, אַדאַנק זיין וויזיע-קלאָרקייט — מ ח ו י ב : צו טון באַדאַי אַלדאָס ברוטאַל־אַכזריותדיקסטע און אוממאָראַלישסטע — צו דער פאַרווילדע־ווטער צעהפקרטער, אימפּולסיוו־צעבושעוועטער מענטשן־מענגע: כדי באַניים איר אויפריכטן, איר אויפשמידן — אַלס סאָציאַלע געזעלשאַפט; וועלכע זאָל נעמען אויסשטראַלן, פונדאַסניי — איר סאָציאַל־געזעלשאַפט־לעכע מאָראַל: אַלס ליכטיקער אָנזאָג פאַר דעם באַניים-געזיכערטן אָנקום פון אַ סאָציאַל-מאָראַלישער מענטשהייט, אונטער דער זון.

דער ראַטנפאַרבאַנד און ענגלאַנד — צוויי נאַציעס בויען סאָציאַליזם.

(עסיי וועגן מאָראַל און רעכט אַף אייגנטום.)

זאָל, צוערשט, גלייך פונעם אָנהויב, ווערן פעסטגעשטעלט: אַז פאַר פּרימיטיווע אָפּגעשטאַנענע פעלקער איז אָנגעמאָסטן אַזאַ סאָציאַל־שכל־דיקע מאָראַל, וועדליק ווי פאַר קינדער.

דאָס מיינט צו זאָגן פאָלגענדעס: אַז מאָראַל איז — אַ סאָציאַל־שכלדיקער לאָגישער באַגריף פון דיפערענצירן מיינס און דיינס — באַ דעם דעראָבערן און איינשטעלן סאָציאַל-לאָגיש אייגנטום — אינערהאַלב דער סאָציאַלער שכלדיק־אָרגאַניזירטער עדה; וועלכע האָט זיך, דאַדורך — ד. ה. דורכן איבערגיין פון איינזאַמע אימפּולסיווע אינדיווידן, אין אַ סאָציאַל-שכלדיקער עדה —: אי באַפרייט, צוערשט, פון דעם צושטאַנד פון דער אַסאָציאַלער פּרעהיסטאָרישער אימפּולסיווער סטאַדע (ווי באַם איינזאַמען אינדיוויד), מיט איר אַבסאָלוטער אימפּולסיווער אומדיפּע־רענטקייט צו די נאַטור־אוצרות, וואָס אַרום דעם מענטש, און גענומען, אַף אַ שכלדיק-סאָציאַלן אופן, דעראָבערן אייגנטום; אי זיך דערהויבן — דערנאָך, אין דער צווייטער סטאַדיע — און גובר־געווען אין זיך איטלע־כער, (שוין אינערהאַלב דער סאָציאַלער עדה,) דעם אַנטיסאָציאַלן בלינד־אימפּולסיוון דראַנג — איינצושלינגען אַלץ פאַר זיך, (אַ דראַנג, וואָס טרייבט, אומבאַדינגט, צו אונטערגאַנג: ווייל קיין שום אינדיוויד אַליין איז נישט בכוח בייצושטיין די אומציייליקע געפאַרן, וואָס לויערן אַפן מענטשנס עקזיסטענץ — פונעם אַרום;) און איינגעגאַנגען אַף דעם סאָציאַלן דיקטאַט פונעם שכל: איינצושטעלן אַ מאָראַל פון דיפערענצירן מיינס און דיינס; עס הייסט: איינטיילן דאָס דעראָבערטע אייגנטום דורך דער סאָציאַלער עדה, אַף אַ גערעכטן אופן — צווישן אַלע אירע מיטגלידער,

וואָס האָבן אָנטיילגענומען באַגלייך אין דער דעראָבערונג...

בקיצור, אין מילאָ, ווערט קלאָר, אין פלוג, דערפון: אַז אויב אַ פאָלק, היינט צו טאָג, ערגעץ אין אַ טייל פון דער וועלט, איז געבליבן אַזוי פּרימיטיוו און אָפּגעשטאַנען — ווי עס איז דאָס, נאָרמאַל, אַ קינד, אין יעדער צייט, אין באַצוג צום רייפן דערוואַקסענעם מענטש; און אַקוראַט אַזוי, ווי די מאַסן פון פאַרצייטנס זענען דאָס געווען, בכלל; עס הייסט, אין דער קינדהייט־סטאַדיע פון דער מענטשהייט — און אַט דאָס פּרימיטיווע אָפּגעשטאַנענע פאָלק, היינט צו טאָג, (לאָמיר זאָגן: ערגעץ, אין די קאָ־לאָניאַלע לענדער) איז נאָך נישט מסוגל און רייף־געוואָרן, מיט זיין שכל: אַף צו קענען דעראָבערן און אָנייגענען פאַר זיך, עס מיינט צו זאָגן: באַגרייפן דעם ווערט פון די רייכטימער פון זיין לאַנד, — איז קלאָר, ווי דער טאָג: אַז אַט די דאָזיקע רייכטימער זענען — נ י ש ט ז יי נ ע . . .

גיכער, געהערן זיי — סאָציאַל־מאָראַליש גענומען — צום נאַטור־אוצר פון דער „גאַנצער מענטשהייט“; אָדער, ריכטיקער זיך־אויסגעדריקט: צו יענע דערוואַקסענע סאָציאַל־רייפע פעלקער, היינט צו טאָג, וועלכע באַזיצן שוין די געגנוגענדע מאָס סאָציאַלע קולטור: אַף צו קענען אַראָפּ־קומען אין יענע לענדער, און די דערמאָנטע אומבאַרירטע בתולהדיקע רייכטימער זוכה־זיין, מיט רעכט, מן־ההפקר — אין פולסטן קאַטעגאָריש־לאָגישן הסכם מיט דער סאָציאַלער מאָראַל. (די באַזע פאַר אַ יושרדיקער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, אין אַלע צייטן.)

און נישט נאָר זוכה־זיין מן־ההפקר — ד י ר יי כ ט י מ ע ר פ ו ן ד ע ר נ אַ ט ו ר : זיי דעראָבערן, אָנייגענען און סאָציאַליזירן, — נאָר אויך זוכה־זיין מן־ההפקר — די רייכע ענערגיע פון סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענעם פּרימיטיוון פאָלק, (וועלכעס איז נאָך אַליין אַזוי רוי, ווי אַ ווילדע שטיק נאַטור;) זי דעראָבערן, די אוצר־ענערגיע; זי אָנייגע־נען און סאָציאַליזירן; עס הייסט, אין פלוג: איינשפּאַנען יענץ פאָלק אין דעם יאָך פון שקלאַפעריי, פון אַ גאָר־נידעריקן לעבנס־ניוואָ; נעמען יענץ פאָלק עקספּלואַטירן באַ אינסטאַלירטע אַרבעטן צו עקספּלואַטירן די נאַטור־אוצרות פון יענץ לאַנד. כדי, אַזויאַרום, ערשטנס: זאָל דאָס דעראָ־בער־פאָלק (טראַכטנדיק, פאַר אַלעמען — פון זיך אַליין,) קענען אָנהאַלטן (און מיט רעכט,) — דעם אייגענעם הויכן לעבנס־ניוואָ פון אַ קולטור־פאָלק, און שטייגן אין דעם אייגענעם קולטור־ניוואָ — נאָך העכער. (און פונקט, ווי עס האָט זיך געפירט באַ די ציוויליזאַציעס אין אַלטער־טום: ווען די קולטור פון אַ פאָלק האָט זיך אָנגעשפּאַרט און איז געוואַקסן — אַף די יסודות פון שקלאַפעריי: וועלכע האָט דערמעגלעכט דעם הע־כערן קולטור־פאָלק זיך־באַפרייען, אין אַ געוויסער מאָס, פון עקאָנאָמי־

שער זאָרג, אום צו קענען די ענערגיע קאָנצענטרירן אױף גײַסט און װיסנ־שאַפט; און טרײַבן, אַזױ אַרום, די אָלמענטשלעכע קולטור — אין פאָרױס...)

אָבער, צװײטנס: װעט, גראָד דאַדורך, (עס מײנט, דורך דער שקלאַפערישער אַרבעט,) בײַ דעם הײנטצײַטיקן אָפּגעשטאַנענעם פאָלק — נעמען ערשט װערן װ אָ ל אָ ר י ז י ר ט זײַן אײגענע סאָציאַלע ענערגיע... עס מײנט צו זאָגן: אַז די דאָזיקע שװערע אַרבעט װעט עפּע־נען בײַם דערמאָנטן פאָלק — אַ נײַע ערע אין זײַן לעבן, אין זײַן עקזיס־טענץ. װעט נעמען װעקן אין אים די נױט צו טראַכטן; במילא, אַנדערש צו פילן. די נױט צו דערװאַכן פון נאַטור־הפקרדיקן שלאָף — (װי עס איז געװען א י נ ס ־ כ מ ע ט מיט דער רױער נאַטור, ביז איצט;) — נײערט: נעמען נאָכדענקען איבער זיך אַלײן; איבער דעם אײגענעם מהות, אָרט און שײַכות צו װעלט און מענטש פון אַרום; אַקוראַט: װי ע ר ש ט , באַנײַם — זיך־שטעלן אױף די פיס; װי ערשט, באַנײַם — װי צום ערשטן מאָל — זיך־אױפהױבן, אױס דעם אַנימאַלישן קעניגרײַך, און װ ע ר ן מ ע נ ט ש : באַלאָדן מיט שכל: װאָס דעקט אױף אין זיך כוח און װילן — צו שטײן העכער פון רױער נאַטור; װאָס דעקט אױף אין זיך — אַלס סאָציאַלע עדה — סאָציאַלן באַװאוסטזײַן: צו װעלן אױפהערן זײַן אַלײן הפקר, װי די רױע נאַטור אַרום איז; נײערט: צו נעמען געהערן, מיט די אײגענע סאָציאַלע כוחות, מיט דער אײגענער סאָציאַלער ענערגיע: קודם־כל — צ ו ז י ך א ל י י ן !.. װײַל דאָס פאָלק האָט שױן אַנטדעקט — אַדאַנק דער עקספּלואַטאַציע — זײַן אױ־מענטישן סאָציאַלן װערט און, טײלװײַז, אױך זײַן גרײַלעכע סאָציאַלע קאַפּאַציטעט...

אָבער, גלײַך דערױף, (עס הײסט, אײנצײַטיק,) װעט יענץ פאָלק נעמען באַגרײַפן אין זיך — אַדאַנק דער אַרבעט — זײַן סאָציאַל־אינ־טעלעקטועלע אײגנשאַפט: ערשטנס, (ד. ה. אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער דערװאַכונג,): צו דעראָבערן, אָנײגענען און סאָציאַליזירן די אַרומיקע נאַטור מיט אירע אוצרות, זײ װאָלאָריזירן און זײ קולטיװירן; און צװײטנס, (און דאָס קומט שױן, אין דער צװײטער סטאַדיע פון דער דערװאַכונג,): די דאָזיקע נאַטור־אוצרות, פּונקט װי די אײגענע ענערגיע, אָנײגענען — פאַר זיך אַלײן בלױז, פאַר דעם אײגענעם פאָלק...

עס הײסט: אַז עס האָט זיך אָנגעהױבן דער קאַמף פון יענץ, נעכטן־ערשט־געװען־אָפּגעשטאַנען פאָלק — קענען זײַנע באַדריקער און דעראָבע־רער, פון דער פרעמד. עס האָט זיך אָנגעהױבן דער קאַמף פון דערװאַכטן פאָלק: צו דעראָבערן זײַן סאָציאַל־מאָראַליש באַרעכטיקט פּלאַץ אונטער דער זון און אינערהאַלב דער סאָציאַלער מענטשהײט...

עס איז קלאָר: אז אַ היינטצייטיק־אָפּגעשטאַנען פאָלק איז אומ־שטאַנד — אדאנק דער אַלגעמיינער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, — דורכצומאַכן דעם פּראָצעס פון דעריאָגן און זיך־אויסגלייכן, אין סאָציאַל־קולטורעלן וואוקס, מיט אַלע אַנדערע פעלקער, — אויסערסט־שנעלער — איידער ווי ווען דאָס האָט פּאַסירט צו דער מענטשהייט, אין אַלגעמיין, אין איר קולטור־היסטאָרישן גאַנג איבער דער וועלט. און אין ד ע ר הינזיכט, פּאַסירט צום היינטצייטיקן אָפּגעשטאַנענעם פאָלק — אַקוראַט דאָס זעלבע, וואָס עס פּאַסירט, אין אַלע צייטן, צ ו ם נ אָ ר מ אַ ל ן ק י נ ד : וועלכעס, כידוע, מאַכט דורך, (מיט זיין געמיט, מיט זיין גייסט און קערפּער,) אין די געציילטע עטלעכע יאָר פון זיין קינדהייט און יוגנטלעכן וואוקס — אַ ל ץ , וואָס די גאַנצע סאָציאַלע מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט, אין אַלע אירע קולטור־סטרוקטור־שטייגערן — ביז אים...

איז: פּונקט דאָס זעלבע פּאַסירט איצט צום היינטצייטיק־אָפּגע־שטאַנענעם פאָלק, וואָס קומט זיך מענטשלען, ווערן מיט לייטן גלייך. עס מוז דורכמאַכן, יענץ פאָלק, (אַקוראַט, ווי דאָס קינד, אין זיין גאַנג צו ווערן אַ דערוואַקסן־באַוואוסטזיניק־סאָציאַלער מיטגליד פון דער געזעל־שאַפט,) דעם גאַנצן קרייז־וועג פון עקספּלואַטאַציע און שקלאַפעריי, ווי געזאָגט — ביז עס וועט קענען דערגיין צו דער שטופע: זיך צו קענען, מיט רעכט, באַטראַכטן — ווי אַ גלייכע אינטעגראַלע טייל פון דער סאָ־ציאַלער מענטשהייט...

נאָר: צי איז דאָס אַלץ־אויבנגעבראַכטע — אין פולן הסכם מיט דעם סאָציאַל־לאָגישן מאָראַל־באַגריף „מענטשהייט", מענטשנקייט: אַ באַגריף, וועלכער פאָדערט דאָך — גלייכהייט, גלייכע רעכטן (און פליכטן...) פאַר אַלע אירע מיטגלידער, מענטשן־קינדער, אָן אויסנאַם, וואָס טוען צו איר, צו דער מענטשהייט, געהערן?

און וויאַזוי איז, קלאָרער גערעדט, די שייכות פונעם קינד — צו אַ היינטצייטיק־אָפּגעשטאַנענעם פאָלק?

* * *

איז, כדי דאָס אַלץ צו באַלויכטן, — וועלן מיר מוזן דאָ איבערגעבן, נאָך איין מאָל, הגם — שטאַרק־בקיצור, דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן גע־לערנט אין אַלע אונזערע אַרבעטן פון ביז־איצט, און פון וועלכן עס פאָלגט: אַז

די אומגליייכהייט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, בכלל, נעסטיקט — אין דער אומגלייכהייט פון דעם מענטשנס פיזיש־פּסיכישער וועלט; וועלכע ציט איר שורש פון דער אַלגעמיינער ביאָלאָגיע; און פון דעם אייביקן גערAנגל אין דער נאַטור, אין דעם קאָסמאָס, אין אַלגעמיין...

אַט דער אייביקער געראַנגל, כּידוע, צווישן די עלעמענטן פון טעזע און אַנטיטעזע אינעם חומר־היולי פון קאָסמאָס האָט פּראָדוצירט און אַרויסגעבראַכט: צוערשט — די טויטע נאַטור; דערנאָך — די אָרגאַנישע, די ביאָלאָגישע, די לעבעדיקע; פריער — מיט אימפּולסיווע אַנימאַלן אַליין, אָן מאַרך; נאָכהער — מיט אַנימאַלן, אין וועלכע דער מאַרך האָט פינצטער געדרעמלט; און אַזוי ווייטער, העט ביז צום מענטש, דעם העכסטן און פּערפעקטסטן אויסדרוק פון דער ביאָלאָגיע, פון דער נאַטור; פון דעם גאַנצן קאָסמאָס, אין אַלגעמיין; דעם מענטש, אין וועמען דער אייביקער געראַנגל צווישן די נאַטור־עלעמענטן פון טעזע און אַנטיטעזע קומט צום אויסדרוק: דורך דעם געראַנגל אין זיין געמיט: צווישן זיין בלינדער האַרץ־אימפּולסיווער וועלט, (די טעזע,) פון איין זייט; און דעם שפּעטער־אויפגעקומענעם און יונג־דערוואַכטן, (אַקוראַט ווי אויף דעם לייטער פון דער ביאָלאָגיע, אין אַלגעמיין,) מאַרך־אינטעלעקט, (די אַנטיטעזע,) פון דער אַנדערער.

איז: אַט דאָ, אין דעם דאָזיקן קאַמף, איז פאַרליינגט די ערבות פאַר דער אייביקער אומגלייכהייט (אומיינשטימיקייט) אין דעם מענטשנס פּסיכיק און, במילא — אין דער געזעלשאַפט, וואָס ער בויעט. ווייל מע דאַרף וויסן: אַז די האַרץ־אימפּולסיווע טענדענץ (דער טעזע־עלעמענט,) איז אַ סטאַטיש־רעגרעסיווע; וועלכע ציט תמיד צום צוריקגאַנג צו אומקום, צום כאַאָס־שטאַם פון נישט־ווערן, פון אויפהערן זיין — אַלס פּרינציפּ און ציל אַן־און־פאַר־זיך; און אַט די דאָזיקע טענדענץ איז זי גרייט דורכצופירן, די האַרץ־אימפּולסיווע וועלט — דיקטאַטאָריש־ברוטאַל, טיראַניש, מיט בלינד־צעיושעטער ריקזיכטלאָזער אכזריות און אַלץ־אומברענגענדער דעספּאָטיע.*)

*) די האַרץ־אימפּולסיווע וועלט, ווי באַוואוסט, האָט אויך — אַ גוטע באַרמהאַרציקע זייט; אַ טענדענץ, וועלכע צילט כּלומרשט צו שעפערישקייט, צו קאָנסערווירונג; אָבער, ווי מע זאָגט: פון ליבע צו האַס איז איין שריט: אַט די דאָזיקע כּלומרשט־גוטע טענדענץ איז, אין איר תוך — צעשטערעריש, אַנטי־סאָציאַל, אַנטי־פּראָגרעסיוו, אַנטי־קולטורעל; ציענדיק, פּונקט ווי די אכזריות, צו אַלץ־איינעם־און־דעם־זעלבן־ציל: אויפצולייזן דעם מענטשן, מיט זיין סאָציאַלער געזעלשאַפט, און צוריקגיין צ ו (זיך־אויפמישן מ י ט) די וואַרעמע קאָכיקע (כּלומרשט ג ו ט ע) קוואַלן פון פאָטערלעכן ליבן האַרציקן כאַאָס... (גענויער די גאַנצע טעאָריע: אין מיינע ביכער „די מאַסע און אירע דערלייזער", „פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט", „ליבאַוויטש און די וועלט" א. א.)

דאקעגן, די מארך־אינטעלעקטועלע טענדענץ (דער אנטיטעזע־עלע־מענט) איז א דינאמיש-פראגרעסיווע; וועלכע ציט תמיד אף פאראויס, צו אלץ־נייערע פארמען פון עקזיסטענץ. און אט די דאזיקע טענדענץ איז ער גרייט דורכצופירן, דער מארך-אינטעלעקט, און ער פירט זי דורך — דעמאקראטיש; עס הייסט: ער לאזט עקזיסטירן אויך זיין קעגנער, דעם הארץ-אימפולס; נישט מער: ער טוט אן אף אים דעם פורעם פון ז יי־נ ע , א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע , אידייען און צילן. איז: בעת, אינערהאלב דעם פורעם, צאפלט און עס שלאגט אומגעשטערט — דער הארץ־אימפולס, און ער לעבט זיך אויס, (הגם — א ו מ ד י ר ע ק ט ,) אין פולן הסכם און דראנג פון זיין נאטור צ ו א ו מ ק ו ם , — טוט ער זיין, דער טעזישער אימפולס-עלעמענט, גלייכצייטיק — די בלינ־דע טרייב-קראפט צו זיינע, דעם אינטעלעקטס, אנטיטעזיש־ליכטיקע ב ו י ו נ ג ס - צ י ל ן — פון ארויסברענגען איין נייערע פארם פון עקזיס־טענץ, נאך דער אנדערער...

מע דארף אבער נישט־פארגעסן: אז טאלעראנט און דעמאקראטיש איז בלויז — דער מארך-אינטעלעקט. דאקעגן, דער הארץ-אימפולס בלייבט — פארביסן-פיינטלעך־אומגעענדערט. נישט זיין א ו מ ד י ־ ר ע ק ט ע א ו י ס ל ע ב ו נ ג , אינערהאלב דעם אינטעלעקטס פורעם, זאל אים באפרידיקן אף א האר... און ער בושעוועט כסדר, אין דער פינצטער; און ער לויערט אף דער שעה: ער זאל קענען צעשמעטערן אלע פיינטלעכע פורעם־תפיסות, וואס ברענען אים זיין הארץ; ער זאל ארויס, ברוטאל־צעיושעט, אף דער פינצטערער פריי; און ד י ר ע ק ט נעמען טראגן — באנאנד מיט זיין צעשלאגענעם צעממיתטן שונא — צוריק אין קאביקן שוים פון וועלט-כאאס, פון וועלט-נאכטישן אומקום, פון אלץ־פארגיין.

אזוי איז ער גרייט צו טון, דער הארץ-אימפולס; וועלכער וויל נישט וויסן פון קיין וועלט, פון קיין לעבן, פון וועלכער עקזיסטענץ; וועלכער וויל זיך נישט אומקוקן אף קיין הפקר־צעווארפענע נאטור־אוצרות ארום דעם מענטש, כדי זיי אנצווייגענען — פאר זיין נוצן־וועגן; וועלכער בלייבט צו אלץ — פארביסן-אומדיפערענט; וועלכער זאגט זיך אפ צו באנעמען, בכלל, דעם באטייט פון די נאטור-רייכטימער — פאר דעם פרימיטיוון פרעהיסטארישן מענטשס קיום; פונקט ווי ער טרעט ארויס, אפן-בלינד, קעגן מענטשס קיום, בכלל; און ער שלעפט ז י ך און אלץ — צו אומ־ברענגן!.. „— ...דער הונגער, די נויט?, — איז דא איין אויסוועג פאר אלץ: דער אומקום — און א סוף צו אלע ליידן פאראמאל!.."

אבער דער עלנטער פרימיטיווער מענטש, אין זיין נויט: אין זיין הונגער, דורשט, קעלט א.א.וו., — איז ד א ך געצוואונגען זיך־צוצו-

הערן צו דער יונגער אויפגייענדער שטימע אין אים פון זיין מארך-אינ-טעלעקט; וועלכער לערנט אים: זיך י א ארומקוקן אף דער ארומיקער נאטור; און באגרייפן דעם ווערט פון אירע אוצרות פאר אים; וועט ער איינזעען: אז ער איז נישט אזוי עלנט אין דער וועלט, ווי ער מיינט; אז די ארומיקע נאטור האט אלץ פאר אים פארגרייט; און ער דארף עס נאר דערלערנען, ווי אויך ז י ך - א ל יי ן דערלערנען, — כדי עס צו קע-נען דערגרייכן, אנייגענען, מאכן פאר זיינס; אז עס זאל אים דערמעגלעכן די עקזיסטענץ, דעם וואוקס, און דעם אייביקן פארשריט פארויס... און אויב ער אליין קאן דאס אלץ, מיט די אייגענע כוחות, נישט דערגרייכן פאר זיך, — דאן זאל ער זיך ארומקוקן אלץ ארום זיך; וועט ער דער-זעען — נאך אסאך אזוינע ענלעכע מענטשן, ווי ער. טא: זאל ער זיך מיט זיי פארבינדן, שליסן א בונד, שאפן א אסאציאציע; כדי — בא-נאנד, סאציאל — דערגרייכן; און, נאכהער, דאס דערגרייכטע, דאס אנגעייגנטע, טיילן — אף גלייכע חלקים: אף מיינס, און אף דיינס...

מיט אייןווארט: דאס איז געווען — די ערשטע באזע, דער יסוד, דער פונדאמענט פאר דער סאציאל-אינטעלעקטועלער מענטשלעכער מא-ראל, (נישטא קיין אנדערע): א באדענקלעכע, א בארעכנטע פארן אייגע-נעם אינטערעס; עס הייסט: א געדאנק, וועלכער איז, מיט דער צייט, געווארן פארוואנדלט אין א אזוי-גערופן מאראליש געפיל... (שפעטער — געוויסן.)

לאמיר אבער נישט פארגעסן, אף קיין האר: אז אין דעם מענטשנס געמיט לעבט נאך אלץ זיין בלינדער הארץ-אימפולס, מיט זיין טענדענץ צו אומקום. און אויך בא דעם דאזיקן פאל, (ווען די ערשטע צוויי מענטשן אין דער וועלט האבן געשלאסן א סאציאלן בונד, כדי צו טויטן, לאמיר זאגן, א חיה און שטילן דעם הונגער), — איז זיכער: אז ווען עס איז גע-קומען צו דער גערעכטער חלוקה פונעם ערשטן פאנג, — האט ע ר (דעם מענטשנס שונא, דער הארץ-אימפולס,) גענומען בושעווען בלינד-צעדרייט — אין יעדן איינעם פון יענע צוויי: „נישט צו האלטן קיין ווארט; פאר-כאפן איצט, (אנטיסאציאל,) אלץ פאר זיך, כדי דעם הונגער צו שטילן...” עס הייסט אבער, טיף-אינערלעך: נישט טראכטן פון מארגן, פון טויזנטער גייע געפארן — ווען עס וועט ווידער זיין נויטיק די הילף פון מיטמענטש; נאר לאזן זיך אף הפקר-אוואנטורעס, אף אומקום...

איז, אט בא דעם ערשטן אומגליקלעכן פאל: ווען אין יונגן פרימי-טיוון מענטש האט גענומען בושעווען דער מעכטיקער הארץ-אימפולס — קעגן יונגן ערשט-אויפגעגאנגענעם מארך-אינטעלעקט, און באקומען די אויבערהאנט, — האט דאס, פארשטייט-זיך, גלייך צעשטערט די אקארשט-געהאט-איינגעשטעלטע גלייכהייט צווישן מענטש און מענטש; און דאס

האָט, אומפּאַרמיידלעך, געפירט צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטוים (צו אַ מלחמה) צווישןביידן; מיט אַלע בייזע קאָנסעקווענצן פאַר דער מענטשלעכער אַסאָציאַציע פאַראַמאָל...

דאָך, — האָט דער מענטש, אין שווערער פּיין, באַצאָלט טייער — פאַר זיינע געפערלעכע טעות'ן, פאַר זיינע האַרץ־אימפּולסיווע אוואַנטורעס; געלערנט פון די פעלערן, ווידער פאַרבלאַנדזשעט; און דאָך — געגאַנגען פאָרויס. ער האָט, צוערשט, ווידער איינגעשטעלט זיין פּרימיטיווע אַסאָציאַציע פון צוויי, און זי נישט אויפגעהערט אויסצוברייטערן. און אַריבער, דערנאָך: צו דער אַסאָציאַציע פון משפּחה, פון משפּחות, פון שיכטן, פון שבטים, פון פעלקער; אונטערדעם: נאָכגעגעבן אַלעמאָל דעם דראַנג פון זיין אייגענעם האַרץ־אימפּולס, פון זיין משפּחה-אימפּולס, פון זיין שיכטן־אימפּולס, פון זיין שבטים־אימפּולס, פון זיין פעלקערלעכן אימפּולס; (אין אַ געוויסן פּאַטאָלן מאָמענט, זיין סאָציאַלע גלייכהייט — אינגאַנצן צעשטערט, ביז היינט;) פאַרפירט בלוטיקע אויסראָטונגס-קאַמפן — איינס, קעגן דאָס אַנדערע; און אַלע אימפּולסן באַנאַנד האָבן געפירט איבעראַל דעם קאַמף געשמאַק — קעגן דעם מענטש, אין אַלגעמיין; געקעמפט, געזיגט, געזיגט אָדער אַליין באַזיגט געוואָרן; דאַן, ווידער אויפגעגעבן דעם ד י ר ע ק ט ן בלוטיקן קאַמף; אַריבער צו אַנדערע פאָרמען פון יענעם אייביקן אומויפהערלעכן און אומפאַרמיידלעכן קאַמף צווישן מאַרך־אינטעלעקט און האַרץ-אימפּולס — אין דעם מענטשן און אין אַלע פאַזן און פאָרומס פון סאָציאַלער געזעלשאַפט, פון סאָציאַלער מענטשהייט, וואָס ער בויעט און פּרעטענדירט צו באַנייען...

אַלזאָ, ווי מע זעט: איז די מענטשלעכע סאָציאַלע מאָראַל געוואַקסן בהדרגההדיק: די מאָראַל פון צוויי, פון דער ערשטער אַסאָציאַציע, ווערט, דערנאָך — די מאָראַל פון דער משפּחה; און זי ווערט, דערנאָך, די מאָראַל פון אַ שיכט משפּחות; וועלכע ווערט, דערנאָך, די מאָראַל פון אַ גאַנצן שבט; און זי ווערט, דערנאָך, די סאָציאַלע מאָראַל פון אַ רייע פאַראייניקטע שבטים אין איין פאָלק...... און פּונקט, ווי עס פאַרמירט זיך, אין איין אָרט, איין גרופּע שבטים — אין איין פאָלק, — אַקוראַט אַזוי, פאָרמירט זיך, אין אַ אַנדער אָרט, אַ אַנדער גרופּע שבטים — אין אַ אַנדער פאָלק......

...אומעטום אָבער האָט פּאַסירט — איינס און דאָס זעלבע: לאָמיר אָנהויבן פון דער מאָראַל פון צוויי, פון דער ערשטער אַסאָציאַציע. אין פלוג, איז זי דאָך געווען — אַ אַסאָציאַציע אַ אינטעלעקטועלע: ו ו ע ן מ ע ק ו ק ט א ף צ ו ר י ק . דאָך, ווען מע וואַרפט אַ בליק אַף פאָרויס, — אַזוי דערזעט מען גלייך: ווי זי איז געבליבן אינגאַנצן איינגעטונקען — אין דער בייז-באַגלייטעניש פון אימפּולס, וועלכער שרייט

ערשט אריין אין איר: אז „זי זאָל בלייבן בא די צוויי; נישט גיין ווייטער זיך־אויסברייטערן; אלץ, וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן — פאַר־כאַפּן בלויז פאַר זיך אליין; ווייטער, וועגן קיינעם און גאָרנישט — אוי־סערהאַלב איר — נישט זאָרגן; לאָזן אַלץ אומקומען...״ (עס הייסט, אין תוך — אומקומען אליין...)

אָבער דער מענטש, ווי מיר האָבן געזאָגט, געטריבן דורך דער נויט — איז געצוואונגען כסדר אויסצעברייטערן זיין אסאָציאַציע; במילא — זיין מאָראַל. (געדאנקען וועגן אייגענע אינטערעסן, וואָס ווערן שפּעטער פאַרוואַנדלט אין — סאָציאַל-מאָראַלישע געפילן...) איז, גייט דער מענטש און פאַרלייגט — אין לויף פון דער צייט, לאָמיר זאָגן — א משפחה, — אזוי בלייבט זי — בא אן אָפּגעשלאָסענער משפחה־מאָראַל. ווארפנדיק א בליק אף צוריק — צו דער נעכטיקער אסאָציאַציע פון די צוויי, — איז די משפחה — א גרייכעבע אויסברייטערונג און, במילא, שטייגונג איבערן לייטער פון דער סאָציאַל־אינטעלעקטועלער מענטשלעכער מאָראַל. אָבער, ווען מע ווארפט א בליק אין ארום און פאָרויס, — אזוי דערזעט מען גלייך: אז, הגם עס בילדן זיך אומעטום אנדערע משפחות, — בלייבט יעדע סאָציאַלע משפחה פאַר זיך — ענג-איינגעשלאָסן און הערמעטיש־אָפּגעשלאָסן: אינערהאַלב איר (כלומרשט) סאָציאַל־אינטעלעקטועלער משפחה-מאָראַל; אָבער, פאַקטיש, (ווי מע גיט זיך שוין רעכענונג אליין): איז יעדע משפחה — בלינד בא־הערשט פון אירע אימפּולסן, וועלכע פאַרשרייען ווידער דעם קאָפּ: „אז — אַלץ פאַר זיך; פאַר יענעם — גאָרנישט!..״

אזוי קומט אויס דעם אינטעלעקט — פאַרצווייפלט צו קעמפן מיט זיין בייז־באַגלייטעניש, דעם אימפּולס; נאָכאַנאַנד אים איבערשרייען, שטום־מאַכן, צוימען און אים פאַרטרייבן אין דעם תפיסה־פאָרום: צוערשט — פון דער אסאָציאַציע פון די צוויי; נאָכהער, אין דעם תפיסה-פאָרום פון דער משפחה; און נאָכהער — אלץ, מיט דער הילף פון דער נויט, און פון די אַרומיקע לויערנדע געפאַרן — אָפּשטעלן די צעפלאַקערטע אימפּולסיווע מלחמות: צווישן איין אסאָציאַציע פון צוויי, מיט א צוויי־טער אסאָציאַציע פון צוויי; צווישן איין משפחה און א צווייטער; נייערט, אויפשליסן און אויפשמידן אסאַך משפחות, מיט זייערע באַזונדערע מאָ־ראַלן — אין א נייעם פאָרום פון איין משפחה-שיכט;

מיט אַן אויסגעברייטערטער פאַרייניקטער סאָציאַלער שיכט-מאָראַל פון א רייע משפחות; און אָט אין דעם נייעם אויסגעברייטערטן תפיסה־פאָרום באַנייס פאַרשפּאַרן דעם צעבושעוועטן אימפּולס, זיין בלינדע צעיושעטע ענערגיע — אף בלינדער שקלאַפעריי: אז ער זאָל ארבעטן און זיך-אויס־לעבן (אומדירעקט), אין הסכם טאַקע מיט זיין פינצטערער נאַטור; אז

ער זאָל פאַרטון־זיין מיט זיך אינגאַנצן; און נישט שטערן דעם אינטע־לעקט — ווייטער אָנצוגיין מיט זיינע העבערע און ליכטיקע זאָרגן און זוכענישן: וויאַזוי אַלץ אויפגעקלערטער צו מאַכן דעם מענטשן, ליכטיקער, פּעאיקער און שטאַרקער; אַז ער זאָל קאָנען מער דעראָבערן, מער אָנייגע־נען די אוצרות פון דער אַרומיקער נאַטור; אַנטפּלעקן אירע סודות, אירע כוחות, און זיי אָנייגענען — דורכן אַנטפּלעקן די אייגענע סודות, די אייגענע כוחות, און זיי אָנייגענען.... עס הייסט: בויען קולטור, וואַקסן קולטורעל; ווערן, וואָס מע איז: קאָסמיש־מענטשלעך־אַלמעכטיק־אוני־ווערסאַל...

•

יעדער נייער סאָציאַלער תפיסה־פאַרום, וואָס דער סאָציאַלער אינ־טעלעקט שטעלט אויף פאַר דער שקלאַפעריי פונעם אימפּולס, — איז אַ נעאָלאָגישער שיכט, וואָס דער אינטעלעקט לייגט אָן אָפן אימפּולס, כדי אים צו צוימען און האַמעווען.... אָבער, אָט דער דאָזיקער סאָציאַל־געאָלאָ־גישער שיכט איז נאָך צו־דין — אַף צו קענען פאַרפּאַנצערן אַף תמיד דעם מעכטיק־צעבושעוועט־מאָנסטעריעזן אימפּולס; אַז ער זאָל זיך נישט פאַרמעסטן, ווידער און איבעראַניים: איינצוברעכן אַלץ פאַראַמאָל; אַלץ צעשטערן פאַראַמאָל; אַ סוף־מאַכן צו זיך און צו אַלץ ארום...

אזוי, אַנטלויפט ער ווידער פון דער תפיסה; און ער רייסט דורך דעם נעאָלאָגישן שיכט, וואָס עס האָט אַף אים אָנגעשאָטן דער אינטע־לעקט; ער אַרבעט כסדר אָן צרות; ער וויל נישט שקלאַפן; ער וויל נישט אַרבעטן; נ אָ ר — ער וויל הוליעווען! „פרייהייט” קומט אים! נאָך פרייהייט רופט ער; און, פאַקטיש — עבדאָ בהפקראָ ניחאָ ליה: וויל ער אַלץ אומברענגען!..

באַזונדערס, געלינגט דאָס אים, דאָס אַנטלויפן: ווען דער אַלטער תפיסה־פאַרום פון דער געזעלשאַפט ווערט אָפּגענוצט, אָפּגעלעבט, נישט־זיכער מער, אונטערגעגראָבן זיין יסוד...; (אַ וודאי — ווי מע דאַרף זיך משער־זיין — האָט ער, אימפּולס, נישט די לעצטע האַנט דערין...); און אינטעלעקט אַליין טראַכט אים איינצואוואַלגערן, דעם פאַרום, נעמען אויפבויען אַ נייעם...

((אזוי, אין אַזאַ צווישנצייט, איבערגאַנגס־פּעריאָד, אַף אַזאַ שייד־וועג און צערודערונג — דאַרף מען זיך פאַרשטעלן — (זע גענויער אין „פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט”,): איז עס געלונגען דעם אימ־פּולס צו צעשטערן די סאָציאַלע קאָמונאַלע גלייכהייט פון דער פּרימיטי־ווער סאָציאַלער געזעלשאַפט; און אַריינשלאָגן אין איר דעם קלין פון סאָציאַלער אומגלייכהייט, דאָס מיינט, פון אומבאַרעכטיקטער אַנטי־סאָציאַלער און אַנטימאָראַלישער שקלאַפעריי; (עס וויל זאָגן: נ י ש ט

ווי שפּעטער, אין אַלטערטום: ווען עס האָבן געשקלאַפט די נידעריק-פּרי-מיטיוו־אימפּולסיווע מאַסן, כדי אַז די העכערע קולטור־שיכטן זאָלן קענען שטודירן און אַנטוויקלען די וויסנשאַפט און קולטור, און זי טרייבן פאָ-רויס, לטובת דער גאַנצער מענטשהייט, — גייערט: עליונים למטה ותחתו-נים למעלה; ווי עס געשעט אין דער געזעלשאַפט, היינט צו טאָג; און וועל-כעס איז אַ שטער פאַרן גאַנצן גאַנג פון דער סאָציאַלער מענטשהייט פאָרויס...))

און ד אָ ד : כאָטש מעכטיק איז ער, דער האַרץ-אימפּולסיווער מאַנסטער, — איז ער פאָרט — בלינד-אוממעכטיק, דער זעלבער שיקערער מאַנסטער. און אין יעדער צווישנצייט: ווען ער שטראָמט אויס אין הפקרות, ער לאָדט זיך אויס אין זיין כאַאָס-געגנוס, און ער בלייבט ליגן — אוממעכטיק־אַנגעזעט־צעזשיפּעט-לויז, אַזוי לייטזעליק-צעשמייכלט-גע-מיין־פאַרעטעריש — אַז דו קאָנסט טון צו אים, וואָס דו ווילסט, — איז אָט דעם מאָמענט נוצט אויס דער אימער-וואַכזאַמער, אימער-ניכטערער, אימער-זאָרגזאַמער סאָציאַלער אינטעלעקט, (וועלכער טראַכט, און הערט דאָס נישט אויף צו טון — פאַרן וואויל פונעם מענטש, —) און ער באַ-קומט אים אַריין, דעם באַזויפענעם מאַנסטער — אין דער נייער פאָרום-תפיסה, וואָס ער, דער אינטעלעקט, האָט, אונטערדעסן, באַוויזן פאַר אים אויפצושטעלן: כדי אַז: צו דער שעה, ווען ער וועט דערוואַכן פון זיין הוליעווען, פון זיין אויסגעשפּאַנטער גאַסן־פרייד, — זאָל ער ווידער גיין אין שפּאַן, אין געזונטער קאָנסטרוקטיווער שקלאַפעריי, לויט זיין דרגא און באַרוף, לטובת דעם מענטש; פונקט ווי ע ר — דער אינטע-לעקט גופא — : רוט אויך נישט קיינמאָל, אַרבעט אויבעט און שקלאַפט און זאָרגט, באַטאָג און באַנאַכט, (פאַרשטייט זיך — לויט ז יי ן דרגא און באַרוף —) אַליין: פאַרן וואויל, וואוקס און עקספּאַנסיע פון אימער-פאָרויס-שוואונגנדן סאָציאַלן מענטש פון אוניווערס...

●

א י צ ט , אַז מיר וועלן זיך אומקערן אַהין, וואו מיר האָבן גע-לאָזן פריער, און פּרוואוון ציען ווייטער דעם פאָדעם פון אונזער אידייע, — וועלן מיר זען: וויאַזוי דער סאָציאַלער אינטעלעקט האָט געצוואונ-גען דעם סאָציאַלן שיכט, וואָס איז געווען צונויפגעלייגט פון משפחות — אונטער דעם דרוק פון דער נויט און פון די אַליין-לויערנדע געפאַרן — אויפצוגעבן די מלחמות, וואָ ס ער האָט געפירט מיט אַ צווייטן, דריטן ענלעכן שיכט; און אויפשמידן, לאָמיר זאָגן, די באַזונדערע מאַראַלן פון די באַזונדער־געווען־אָפּגעשלאָסענע שיכטן — אין איין אויסגעברייטער-טער פאַרייניקטער סאָציאַלער מאָראַל פון אַ ג יי ע ם ש ב ט .

און נאָך שפּעטער — אין אַ נייער געייניקטער סאָציאַלער מאָראַל

פון אסאך שבטים, וועלכע האָבן זיך אויפגעגאָסן — א י ן א יי ן
ס אָ צ י אַ ל פ אָ ל ק ; אָבער, וועלכעס איז געבליבן, דאָס פאָלק,
מיט זיין אייגענער הערמעטיש-געשלאָסענער סאָציאַלער מאָראַל, וואָס
האָט אויסגעשלאָסן אַלדאָס אַנדערע...

עס מיינט צו זאָגן: אַז, בעת, פון איין זייט, (ווען מע האָט געקוקט
אַף צוריק,) איז דאָס געווען — אַ געוואַלדיקע סאָציאַל-אינטעלעקטועלע
דערגרייכונג פונעם מענטש, אַ נייע פּראָגרעסיווע פאָרם זיינע, אין זיין
גאַנג אין פאָרויס, — איז אָבער, פון דער אַנדערער זייט, אָט די דאָזיקע
הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקייט פונעם פאָלקס סאָציאַלער מאָראַל־פאָרם,
שוין געווען — אַ זיג פון דעם אייביקן בייז־באַגלייטנדן אַנטיסאָציאַלן
און אַנטיהומאַנען מאַסאָוון פאָלקס-אימפּולס; וועלכער האָט געוואָרפן
איין פאָלק אַפן אַנדערן, אין טרפהנער אומלאָגישער אַנטימאָראַלישער
פאַרברעכערישער מלחמה; און נישט דערלאָזט, אַזוי אַרום, דעם אינטע־
לעקט: וועבן ווייטער, מ י ט ן ג ל יי כ ן וו ע ג , זיין ליכטיקן
אידעאַל פון אַ סאָציאַל־מאָראַליש-אויפגעגאָסענער מענטשהייט; אין איינ-
ציק־באַרעכטיקטן לעגאַלן סאָציאַל־מאָראַלישן קאַמף-פאַרמעסט קעגן פאַר־
ביסן־פאַרשלייערטן קאָסמאָס: כדי אים צו אַנטהילן; כדי אים צו אַנט-
פּלעקן — א י ן און פ אַ ר ן מענטש; אים אַנטהילן, אַלס אייביקע
מיסטעריע — ק אָ ס מ אָ ס ; אַלס אייביקע מיסטעריע — מ ע נ ט ש ;
כדי אים צו אַנטהילן, אַלס אייביקע מיסטעריע — ק אָ ס מ אָ ס ־
מ ע נ ט ש ! . .

* *

ערשט — אַז מיר וועלן וואַרפן אַ בליק אַף די עפּאָכן פון אַלטערטום,
הויפּטזאַכלעך — אַפן אויפשוואונג פון דער אַרישער (גריכישער) איינ־
טעלעקטועלער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע, — וועלן מיר זען: וויאַזוי בא
די פּרעדאָמינירנד-אינטעלעקטועלע גריכן, אין זייערע מלחמות מיט אַנ־
דערע פעלקער, (באַזונדערס, פון דער סעמיטישער פּרעדאָמינירנד־אימ-
פּולסיווער ראַסע, וועלכע איז — אַדאַנק קלימאַטישע באַדינגונגען און אַנ-
דערע אומשטענדן — געבליבן אָפּגעשטאַנען און נישט געקאָנט פירן ווייַ־
טער, באַין־אופן, די אַנטוויקלונג פון דער אוניווערסאַלער מענטשלעכער
קולטור), — איז צוגעגאַנגען דאָס זעלבע — ווי אינערהאַלב יעטוועדן איינ־
טעלעקטועל-רייפן מענטש, היינט-צו־טאָג: וועלכער פירט איין אין זיין
געמיט: אַ פרייע גערעכטע דעמאָקראַטיע — אַפן יסוד פון שקלאַפעריי;
דאָס הייסט: איטלעכער — אַף זיין פּלאַץ. דער האַרץ-אימפּולסיווער עלע־
מענט ווערט איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך, אין דער אַרבעט, אין דעם
תפיסה־פאָרום פון אינטעלעקטס אויסבליק אַף פאָרויס. אינערהאַלב דעם
דאָזיקן פאָרום, לעבט זיך אויס דער אימפּולס-עלעמענט, (הגם — אומדיי־

רעקט,) — אין פולסטן טרייען הסכם מיט זיין נאַטור-דראַנג צו כאַאָטיש-קאָכיקן אויספלוס-אויפפלוס; אין צוזאַמענשמעלץ־פאָרמלאָזן צעשמעטערנדן האַס־ליבנדן אויפגוס אין אומקום, אין פאַרגיין; און, קאָכנדיק און זידנדיק, אַזוי בלינד-פינצטער־צעשטערנד־פאַר-זיך — אַף דער שקלאַפעריי באַם אינטעלעקט, — דינט ער, גלייכצייטיק — אינערהאַלב אינטעלעקטס תפיסה־פאָרום — אַלס די טרייב-קראַפט פאַר אינטעלעקטס אַליך־נייערע קאָנסטרוקטיווע פאָרמען: וויאַזוי צו טרייבן דאָס לעבן פאָרויס... און עס געשעט אַזוי: אַט די געזונטע אַרבעטס-פאַרטיילונג, אינערהאַלב דעם מענטשנס אָרגאַניזם, דאָס הייסט, איטלעכער — אַף זיין פּלאַץ, — כדי אַז דער העכערער אַף דער יעראַרכיע, *דער אײדעלער אינטעלעקט*, זאָל נישט זיין באַלאַסטעט מיט קיין איבעריקער שטערנדער לאַסט; און זיך-קענען אָפּגעבן, פריי-אומגעשטערט, (דאָס הייסט: האָרעווען, אַף זיין שטייגער — ליכטיק געטריי, און טאַקע אויך *שווער*, אָבער *ליב*,) פאַר *זײנע העכערע ליכטיקע* צילן, אידעאַלן און אויסשוואונגען; עס הייסט: אויסשלאָגן נייע ליכטיקע האָריזאָנטן פאַר דעם מענטשן פון היינט און פון מאָרגן... און די דאָזיקע שווערע, אָבער דאַנקבאַרע אַרבעט פון אינטעלעקט, אין *דער* הינזיכט און אַף *דעם* אופן, גייט אַפילו אַף אַזוי ווייט, — אַז ער טוט זיך כסדר באַפרייען, אויסטון פון זיך יעטוועדע איבעריקע לאַסט; און זי אַראָפּוואַרפן אין די רעגיאָנען פון האַרץ־אימפּולס — פאַר ווייטערדיקער אויסשמידונג, אַרויסענדיקונג. אַזוי: ווערן נעכטיקע געדאַנקען — היינטיקע *געפילן*, און מאָרגנדיקע אַפילו *אינסטינקטן*: אום ער, דער אינטעלעקט, זאָל קענען פלאַטערן ווייטער — אומגעשטערט, אין פרייען ליכטיקן שוואונג צו דער צוקונפט...

איז, פונקט דאָס זעלבע צוגעגאַנגען — מיט דער גריכישער דעמאָקראַטיע: וואו איטלעכער איז געשטעלט געוואָרן — אַף זיין פּלאַץ. די גריכן, ווי געזאָגט, זענען געווען באַרופן: צו באַנייען די פאַרחלשטע אויסגעשפּילטע אוניווערסאַלע מענטשלעכע קולטור; וועלכע איז געבליבן פאַרגריזשניעט באַ די פרעדאָמינירנד־אימפּולסיווע פעלקער פון דער סעמיטישער ראַסע, נישט געקאָנט גיין ווייטער, און גענומען פראַלן — אין ספּאַזמאַטישן פלאַטער פון כאַאָטישן אומקום, פון אַליך־פאַרגיין. די פרעדאָמינירנד־אינטעלעקטועלע גריכן פון דער אַרישער ראַסע זענען געקומען ראַטעווען די אוניווערסאַלע מענטשלעכע קולטור, זי באַנייִס דערוועקן צום לעבן און צום וואוקס און צו דער צוקונפט: דורך דעם גערעכטן דעמאָקראַטישן לעבנס-שטייגער, וואָס זיי האָבן איינגעפירט — אַף דער באַזע פון שקלאַפעריי. עס הייסט, נאָכאַמאָל: איטלעכער — אַף זיין פּלאַץ. די האַרץ־אימפּולסיווע פעלקער — וועלכע האָבן כמעט-ווי-פאַר-

לאָרן פֿולשטענדיק די אייגנשאַפֿט צו קענען אָנייגענען, דעראָבערן, עס הייסט, אויפֿדעקן, באַגרייפֿן, באַנעמען, דערפֿינדן העכערע מענטשלעכע קולטור, — זאָלן אַראָפּ אַף דעם נידעריקן שטאַפּל פֿון פּשוטער פּרימיטיווער אַרבעט — פֿאַר דער עקאָנאָמישער באַזאָרגונג פֿון אַלעמען. (נאַטירלעך: אַז, דערביי, האָבן יענע פֿאַרשקלאַפֿטע האַרץ־אימפּולסיווע פּעלקער גענדאַרפֿט לעבן, אין פֿולן הסכם מיט זייער נאַטור...) דערפֿאַר, האָבן די אינטעלעקטועלע גריכן זיך געקאָנט אָפּגעבן, אומגעשטערט — מיט העכערע נאָבעלע זאָרגן און שטודיומס: כּדי צו דערפֿינדן, אויפֿדעקן, באַגרייפֿן, באַנעמען, עס הייסט, אָנייגענען, דעראָבערן — נייע קולטור־אוצרות פֿאַר דער מענטשהייט; אַנטפּלעקן נייע ליכטיקע קולטור־האָריזאָנטן, נייע שליאַכן, נייע וועגן און אויסוועגן פֿאַראַלע; און, אַזוי אַרום, טרייבן די אוניווערסאַלע ווידער־אויפֿגעלעבטע מענטשלעכע קולטור אין פֿאָרויס — פֿאַרן וואוילזיין פֿון אַלע: ווייל (פּונקט, ווי אינעם מענטשנס אָרגאַניזם און געמיט) יעדער יי־אַנטדעקטער געדאַנק פֿון היינט ווערט אַדאַפּטירט, פֿאַראַלמענטשלעכט און צוגעטראָגן — ווי אַ צוגענגלעכע איבערלעבעניש, ווי אַ געפֿיל — פֿאַרן אַלטעגלעכן שטייגער־געברויך, פֿון מאָרגן־אָן, פֿאַר יעדן איינעם... ווי אַ געפֿיל; און, נאָך שפּעטער — אַפֿילו, ווי אַ אינסטינקט...

●

מיט איין וואָרט: אינטעלעקטועל־סאָציאַלע דעמאָקראַטיע — אַף דער באַזע פֿון אימפּולסיווער שקלאַפֿעריי. אָט אין דעם ליגט די ערבות פֿאַרן וואוקס פֿון דער אוניווערסאַלער מענטשלעכער קולטור; און פֿאַרן פֿאָרויסגאַנג פֿון דער מענטשהייט, אין אַלגעמיין; עס הייסט, פֿאַרן וואוקס, פֿאַרן פּראָגרעס, פֿאַר דער אויסרייפֿונג און אויסשמידונג פֿון אָט דער דאָזיקער ליכטיקער סאָציאַלער אידייע — אין די מוחות און אין די געמיטער פֿון אַלע אָן־אויסנאַם מענטשן אונטער דער זון...

הגם — פֿון דער אַנדערער זייט —: וועט דער קאַמף צווישן סאָציאַלן אינטעלעקט און אַנטיסאָציאַלן אימפּולס — אינערהאַלב דעם מענטשן און, במילא, אינערהאַלב דער מענטשהייט — קיינמאָל נישט אויפֿהערן: ווייל ער איז — ווי דער קאַמף פֿונעם קאָסמאָס — אייביק; און ווייל ער איז — ווי דער אויפֿקום, פֿאַרגיין און, דערפֿאַר, ווידערויפֿגיין פֿונעם קאָסמאָס און פֿונעם מענטש — ווידעראַמאָל, אייביק!

...פֿונעם מענטש: מיט זיין געראַנגל און מיט זיין טיפֿער אינערלעכער אומגלייכהייט, (אומיינשטימיקייט צווישן אינטעלעקט און אימפּולס); און, במילא — פֿון דער מענטשהייט: מיט איר געראַנגל, און מיט איר טיפֿער אינערלעכער אומגלייכהייט, (אומייני-

קײט צװישן איר אײביקער אינטעלעקטועלער אינטעליגענץ און איר אײבי־קער הארץ־אימפולסיװער מאסע — אינערהאלב יעדן אײנעם פון אירע מיט־גלידער...)

װײל, מיטן לויף פון די יארהונדערטער, האבן זיך די מעטאדן פון קאמף געענדערט, פארקאמפליצירט און פארפערפעקציאנירט — בא בײדע צדדים מיטאמאל...

א, מיט דער צײט, האט זיך ארויסגעשטעלט: אז נישט נאר די סאָ־ציאל־אינטעלעקטועלע אינטעליגענץ זארגט פאר איר אידעאל פון א אוני־װערסאל־ליכטיקער סאציאל־אינטעלעקטועלער ארגאניש־דיפערענצירט־אויסגעשמידט־באהעפטער מענטשהײט, — נאר אז אויך די אימפולסיװע מאסע האט גענומען רעדן א ענלעכע שפראך; עס הײסט: אז זי זוכט צו איבערגרופירן אירע קרעפטן; זײ אײניקן, אויסשמידן, כדי זיך צו בא־מעכטיקן; (װײל יעדע קװאנטיטאטיװע ענדערונג, כידוע, ברענגט אויך מיט זיך א ענדערונג א קװאליטאטיװע: צום בעסערן, אדער צום ערגערן: געװענדעט — װאו און מיט װעמען דאס גײט פאסירן...); און, טרײ איר טענדענץ פון פארמלאזן אויספלוס און קאביק־כאאטישן אויפשמעלץ אין אומקום, — קומט זי אויפהויבן איר אײגענע פאן פון א א נ ט י ־ ס א צ י א ל ע ר ה א ר ץ ־ א י מ פ ו ל ס י װ ע ר מ ע נ ט ש ־ ה ײ ט : װעלכע צײכנט אן אף איר פאן איר אײגענע אנטיסאציאלע אימפולסיװע גאט־מאראל; װאס דארף איר פירן, דער מענטשהײט, (אף איר, דער אימפולסיװער מאסעס, לשון,): צו א באפרײונג — אויס דער שקלאפערײ באם גאטלאזן אינטעלעקט; צו א באנײונג, אין א יענער־װעלט־לעבן פון גארנישט טון... (אבער, פאקטיש: צום אומקום — אין די פינצטער־כאאטישע גאט־קװאלן פון נישט־זײן...)

דאס איז — װי מע זעט — דער אײביקער קאמף, אונטער אלערלײ דיספראזן: צװישן די אלט־באקאנטע קעגנער־עלעמענטן פון טעזע און אנטיטעזע, פון נישט־זײן און זײן, װעלכע זענען בײדע — די א ו מ ־ ד ע ר ש י ט ע ר ל ע כ ע (װײל אײנע די אנדערע א ו י פ ה א ל ט נ ־ ד ע) זײלן: פון קאסמאס; פון דער טויטער נאטור; פון דער ביאלאגיע; און שפעטער — פון דעם מענטש (הארץ־אימפולס, און מארך־אינטע־לעקט), װעלכער שמידט אבער, אן־אויפהער, (אין גראנגל צװישן אימ־פולסיװער אנטיסאציאל־פאליטישער דעספאטיע און אינטעלעקטועלער כאציאל־פאליטישער דעמאקראטיע,) — זײן חלום װעגן א ליכטיק־סאציא־לער מענטשהײט...

* *

איצט, נאך דעם אויבן־ארויסגעבראכטן — װען מיר װארפן א בליק, הײנט צו טאג, אפן מענטשן: אום צו װיסן: װאו ער האלט מיט זײן קא־

טענאָרישן אומבאַדינגטן טרויט — וועגן דער ליכטיקער סאָציאַל-אינטע־לעקטועלער מענטשהייט, — אַזוי טרעפן מיר אָן פאָלגנדע פּאַנאָראַמע:

מחמת פאַרשיידענע קלימאַטישע באַדינגונגען, (צו-גרויסע היצן, צו קעלטן,) אָדער איבער אַנדערע אומשטענדן, — זענען אַסאַך פעלקער גע־בליבן: שרעקלעך־אָפּגעשטאַנען און פּרעדאָמינירנד-אימפּולסיוו — לגבי דעם אַלגעמיינעם קולטור־אינטעלעקטועלן וואוקס פון דער אוניווערסאַ־לער מענטשהייט, בכלל; דאָס הייסט, פון אַלע אַנדערע פּ אָ ר ג ע ־ ש ר י ט ע נ ע פעלקער.

די פאַרשיידענע פעלקער אויף דער וועלט, (פּונקט, ווי אַלע מענטשן־קינדער, אונטער דער זון,) וועלכע בילדן, אייגנטלעך, אַזוי־צי־אַנדערש — ד י ס אָ צ י אַ ל ע מ ע נ ט ש ה י י ט , — זענען נישט גלייך צווישן זיך — אין זייער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, אין זייער סאָציאַל-קול־טורעלן וואוקס; נייערט זיי געפינען זיך, איינע לגבי די אַנדערע: ווי אויף אַ הויכן לייטער, מיט פיל שטאַפּלען און דרגאָס; ווי אויף אַן אומגעהויערער יעראַרכיע פון הויך און נידעריק, פון גרויס און קליין...

וואָס זעען מיר?

פון סאַמע אויבן, אין דער יעראַרכיע — הויך-אַנטוויקלטע קולטור־פעלקער: וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אין זייער געמיט דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פון דער אוניווערסאַל־סאָציאַלער אינטעלעקטועל-מענטשלעכער קול־טור; און זיי זענען אַלץ געבליבן — אומדערזעטלעך; און זיי ציען אַלץ העכער צו די אומענדלעכע רוימען פון דער וועלט און פון דער מענטש־הייט; צו אַנטפּלעקן אַלצראַשיקערע אומענדלעכערע און פיל-מער־וואונ־דערלעכערע האָריזאָנטן פאַר זייער רעאַל-טרוימעריש־טראַגיש-מענטש־הייט־אַלמעכטיקן געמיט. זיי זענען — ווי דער קאָפּ, ווי דער מאַרך־אינ־טעלעקט פון דעם גאַנצן מענטשהייט־אָרגאַניזם אין-פּאָרוים.

און אונטער זיי — אויף דער זעלבער יעראַרכיע, קומען — אַנדערע פעלקער: נידעריקערע; אָבער וועלכע ציען זיך ד אָ ך אויף ארויף; קלאַ־מערן-זיך, מיט אַלע קרעפטן, אָן די אויבערשטע; אַרבעטן, טראַכטן, פּילן; און לאָזן נישט נאָך פון ז יי ע ר ע א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע אָנ־שטרענגונגען — אויף אַ האָר...

אָבער א ו נ ט ע ר ז יי , אויף דער זעלבער יעראַרכיע — נאָך נידעריקער, שוין גאָר האַרט פון אונטן, — וואַלגערן זיך אויך אַרום פ ע ל ק ע ר א ז ע ל כ ע : אַלץ — מענטשן-קינדער, אונטער דער זון; נאָר וועלכע זענען — מחמת פאַרשיידענע קלימאַטישע באַדינגונגען, (צו־גרויסע היצן, אָדער קעלטן,) אָדער אַנדערע אומשטענדן, — געבליבן — גענצלעך-אָפּגעשטאַנען און פּרעדאָמינירנד־אימפּולסיוו-בלינד: מיט אַלע בייזע פּאַלגן און פּלאָגענישן, וואָס דאָס ברענגט מיט זיך, אומפאַרמיידלעך,

אומעטום — סיי אינעם יחיד, ווי אין דעם כלל.

איז, אַנבליקנדיק דאָס דאָזיקע בילד — ווערט קלאָר, פון איין זייט: אַז אָט די דאָזיקע גאַנצע יעראַרכיע פון פעלקער בילדעט מיט־זיך — אומצווייפלהאַפט, אומאָפּטיילבאַר — איין גאַנצע קאַטעגאָרישע מענטשהייט.

נאָר, פון דער אַנדערער זייט, אַנבליקנדיק דאָס דאָזיקע בילד, — ווערט אויך, גלייכצייטיק, קלאָר: אַז אָט די דאָזיקע פעלקער-יעראַרכיע בילדעט מיט זיך (ווי שוין אויבן דערמאָנט,) — אַ פעלקער־מענטשהייט־אָרגאַניזם, (אַקוראַט, ווי דער אָרגאַניזם פון אייניינציקן אינדיווויד,): מיט אַלע טראַגיש־שווערע, אָבער פאַראַנטוואָרטלעכע קאָנסעקווענצן און פליכטן, וואָס עס פאָלגט דערפון — פאַר אַלע גלידער (מיטגלידער) פון אָט דעם אָרגאַניזם, אָן אויסנאַם.

ווען מיר וועלן דאָס נעמען אַנאַליזירן — וועלן מיר גלייך איינזען: אַז — אַקוראַט ווי אין דעם מענטשנס אָרגאַניזם — מוז אויך דאָ איינגעשטעלט ווערן אַ גלייכע גערעכטע דעמאָקראַטיע; דאָס הייסט, אַ גערעכטע יעראַרכיע פון עליונים למעלה ותחתונים למטה; עס מיינט: איטלעכער — אויף זיין פּלאַץ, בײַ זיין אַרבעט; מיט אַ סדר, מיט אַ פליס, ווי עס געהער צו זיין... דערפאַר, — זאָל איטלעכן נאָכגעגעבן ווערן זיינס: וואָס אים קומט, וואָס ער פאָדערט — אין פולן הסכם מיט זיין נאַטור; נאָר, דער עיקר — הערט זיך גוט איין: לויט דער מאָס, וואָס ער איז מסוגל צו באַקומען איינגנטום; דאָס הייסט: אָנצואייגענען אינטעלעקטועל־סאָציאַלע קולטור...

אמת, מיר טאָרן נישט פאַרגעסן: אַז אימפּולסיוו-באַהערשטע פעלקער פון היינט — אין זייער שטרעבונג און וואוקס צו גיין פאָרויס, — (דאָס הייסט: אויב מע וועט אין זיי אַזאַ שטרעבונג, אַזאַ דורשט צעוועקן), — וועלן זיי — באַלד, אומפאַרזאַמט — זיך-נעמען טראַנספאָרמירן; נעמען איינזאַפּן אין זיך אינטעלעקטועלע קולטור; גיין און יאָגן פיבערהאַפט — צו ווערן מיט העכערע גלייך...

מיט דעם — ווי מע זעט — : זענען זיי אַנדערש פון פּרינציפּיעל-אייביק־בלינדן אימפּולס — אין דעם געמיט פון יעדן איינצלנעם מענטש באַזונדער...

איז: אין דער ריכטונג, דאַרף עס גיין די זאָרג פון די העכערע פעלקער — לגבי די נידעריקערע פון זיי: איבער דעם פעלקער-יעראַרכיעלייטער פון דער מענטשהייט. און דאָס איז דער טיפער איידעלער זין פון דער סאָציאַלער מאָראַל פון דער מענטשהייט: וועלכע שליסט נישט אויס פאַר קיינעם פון אירע מענטשן-קינדער — אין דער שול פון לעבן — דעם צוטריט צו אַלע סאָציאַלע קולטור־אוצרות פון דער מענטשהייט, אָן-אויסנאַם...

און פונקט, ווי עס איז באוואוסט: אז דאָס פרעדאָמינירנד־אימפול־סיווע קינד, (וואָס מאַכט דורך — אין זיין דערציונג: אין זיין גאַנג צו ווערן ר יי פ ע ר פרעדאָמינירנד־אינטעלעקטועלער מענטש — א ל ץ, וואָס די מענטשהייט, אין אירע בלאָנדזשענישן, האָט דורכגעמאַכט, אין איר קולטור־געשיכטלעכער עקספּעריענץ, ב י ז א י ם ,) — יאָגט און י אָ ג ט א י ב ע ר: ווייל ער גייט גלייך און דירעקט, (היסטאָריש־קינסטלעריש־דעסטילירט־סובלימירט־ א יי נ צ י ק: אָן די אומצייליקע אַלציינע־און־די־זעלביקע אומנוצלעכע ווידערהאָלונגען־רעפּראָדוצירונגען פון דעם שטייגערישן לעבן פון די דורות,) און ער באַווייזט, דאַרום, דאָס אַלץ איינצוזאַפּן, ק י נ ס ט ל ע ר י ש־ט ע א ט ר א ל י ש־ד ר א־מ א ט י ז י ר ט — אין די געציילטע עטלעכע יאָרן פון זיין קינדהייט און יוגנטלעכקייט, —

אַקוראַט אַזוי איז קלאָר: אַז אויך די נידעריקע פרעדאָמינירנד־אימפּולסיווע אינפאַנטיליש־פאַרבליבענע פעלקער זענען מסוגל צו אָנ־יאָגן און אַריבערצויאָגן — ווען מע וועט זיי נאָר פירן אויף דעם ריכטיקן וועג; און, גאָר אינקורצן — זיין, איבעראַל, אין פאָדערגרונט — צום רום און געווינס פון דער גאַנצער מענטשהייט, אין אַלגעמיין.

איז: דאָס, אייגנטלעך — ווי געזאָגט — דאַרף עס זיין די זאָרג פון א ערלעכער מענטשהייט־דעמאָקראַטיע; דאָס הייסט, נאָכאַמאָל: פון די העכערע קולטור־פעלקער; וועלכע האָבן די אויפגאַבע און די פליכט — צו זאָרגן פאַרן וואוקס און פאַרויסמאַרש פון אַלע...

אָבער — ב י ז יענער טאָג וועט קומען, — (און, דער עיקר: כ ד י יענער טאָג זאָל קומען), — מוז בלייבן, דערווייל, שטרענג־איינ־געשטעלט אין דעם אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט — די אויבנדערמאָנ־טע פעלקער־יעראַרכיע: וואו אינטעלעקטועל־פרעדאָמינירנדע פעלקער גייען, ווי די וועג־ווייזער, אין פאָרויס; און הינטער זיי, לויט א ריי, קומען די איבעריקע הארץ־אימפּולסיוו־פרעדאָמינירטע פעלקער; וועלכע נעמען אויף, נאָכאַנאַנד, (אַלץ, אין דער שטרענג־איינגעשטעלטער יעראַרכיע,) די העכערע געדאַנקען און אידייען פון די אינטעלעקטועל־פרעדאָמינירנדע פעלקער; כדי זיי צו פאַרדייען, אָנייגענען, באַגרייפן, ווי קולטור...

... פ ר י ש ע געדאַנקען און אידייען ב א ז יי, — זענען זיי שוין אָבער — בא די העכערע אינטעלעקטועלע פעלקער, וואָס מאַרשירן אַלץ פאָרויס, אין אַנטפּלעקונגען, אין אַנטדעקונגען — געוואָרן: געדאַנ־קען פ ו ן נ ע כ ט ן און ג ע פ י ל ן פ ו ן ה יי נ ט; און מיט דער טענדענץ: צו ווערן, מיט דער צייט — אפילו א י נ ס ט י נ ק ט ן פ ו ן ה יי נ ט... ווייל אָט די אַלע געדאַנקען און אידייען — ווי באַ־וואוסט: טוען די העכערע אינטעלעקטועלע פעלקער אַראָפּוואַרפן פון

זיך, פאַר דער אויסטראַגונג און ארויסענדיקונג — אין די רעגיאָנען פון די נידעריקערע אימפולסיווע פעלקער, — כדי אליין צו ווערן פרייער פון דער לאַסט; און זיך־קענען דערהויבן — צו נייעם העכערן פרייערן אינטעלעק־טועלן שוואונג — פאַרן אומבאַדינגטן וואויל פון דעם גאַנצן מענטשן־מין...

איז, אַט דערפאַר — אין נאָמען פון די דאָזיקע אַלגעמיין־סאָציאַלע אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט, — מוז עס הערשן אַ שטרענג־סאָציאַלער מאָראַליש־דעמאָקראַטישער סדר — אין דעם פעלקער־אָרגאַ־ניזם פון דער מענטשהייט: וואו די העכערע מאָרך־אינטעלעקטועלע פעל־קער דאַרפן אָנהאַלטן זייער העכערע אינטעלעקטועל־סאָציאַלע פּראָדוקציע — אויפן יסוד פון דער שקלאַפעריי (ביז אַ צייט, ווי געזאָגט,) פון די ני־דעריקערע (פּרעדאָמינירנד־אימפולסיווע) פעלקער פון זיי.

●

אַט דער דאָזיקער סדר — אַט די דאָזיקע יעראַרכיע צווישן די פעל־קער, וואָס בילדן צוזאַמען די מענטשהייט, — מוז עס אָנהאַלטן (ווי דערמאָנט,) — פאַר די אינטערעסן פון דער גאַנצער סאָציאַלער מענטש־הייט.

און, פּונקט ווי אין גריכישן דעמאָקראַטישן אַלטערטום: האָט די צי־וויליזאַציע, די קולטור זיך־געמוזט אָנשפּאַרן (נאַטירלעך, ביז אַ צייט,) אויף דער אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי פון די נידעריקע אימפולסיווע פעלקער, — און פּונקט ווי אין דעמאָקראַטישן סדר בא אַ באַוואוסטזי־ניקן מענטש מוז אָנהאַלטן די שקלאַפעריי פון דער אימפולסיווער וועלט, — אַקוראַט אַזוי, היינט צו טאָג — מוז די וועלט־דעמאָקראַטיע, (וועל־כע האָט נאָך ווייט נישט דערגרייכט איר פולסטע רייפקייט און אַנטוויק־לונג), — זיך־אָנשפּאַרן, מיט אירע העכערע אינטעלעקטועלע קולטור־פּראָגרעסיווע פעלקער — אויף דער שקלאַפעריי פון די נידעריקערע פעל־קער: וועלכע דרעמלען נאָך פולשטענדיק — ווי דאָס גאָר־יונגע קינד — אין די טונקעלע רעגיאָנען פון האַרץ־אימפּולס.

אומזיסט וועט זיין די מי פון די פאַרשקלאַפטע אימפולסיווע פעלקער, (וועלכע געפינען זיך — לאַגישערווייז, סאָציאַל־מאָראַליש־באַרעכטיקט — אויף דער סאַמע־נידעריקער שטופע פון דער אַלמענטשלעכער פעלקער־יעראַרכיע און, במילא — אויף ד ע ם לעבנסניוואָ, וואָס איז מיט אַט ד ע ר דרגאַ פאַרבונדן;), — צו רעבעלירן קעגן זייער שקלאַפעריי; זיך־אויפהויבן און ארוים אין קאַמף — אין נאָמען פון זייער אייגענער האַרץ־אימפולסיווער (פאַקטיש — אַנטיסאָציאַלער) „מאָראַל" פון רחמנות און מיטלייד — (אַט די כלומרשט־גוטע זייט פון זייער כאַראַקטער; וועלכע מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי אַפּעלירט צו דער באַרמהאַרציקייט; נאָר, אין

איר תוך, צילט זי: צו דער צעשטערונג פון ארבעט, פון קולטור, פון פראָגרעס; און באַקערן אַלץ — צו דער הפקרות פון אומקום...) ...אומזיסט — זאָגן מיר — וועט זיין זייער אויפשטאַנד, רעוואָלוציע, און אפילו זייער זיג — איבער זייערע כלומרשטע „באַדריקער": די העכערע אינטעלעקטועלע פעלקער... אומזיסט — זאָגן מיר — וועט זיין זייער זיג, — וויבאַלד אַז דער סאָציאַלער אינטעלעקט איז נישט מיט זיי; וויבאַלד אַז די קולטור איז נישט מיט זיי...... זיי וועלן זיך געפינען אין דער זעל־בער לאַגע, און זיי וועלן האָבן פונקט דעם זעלבן סוף, — ווי עס האָבן געהאַט אַלע האַרץ-אימפּולסיווע רעוואָלוציעס פון פינצטערע פאַרשקלאַפטע פעלקער אין אַלטערטום — קעגן זייערע קולטור־העכערע הערשער-פעל־קער: ווען — נאָכן זיג, — האָבן די פינצטערע פעלקער, (פונקט ווי די באַרבאַרישע אינוואַזיעס אויף דער ציוויליזאַציע, אין אַלגעמיין,) — נישט־האָבנדיק געקענט זיך־דערהויבן צו דער הערשער־קולטור: זי צו דעראָבערן און אָנייגענען, — געהאַט נאָר איין אויסוועג: (עס הייסט, אַז זיי האָבן געמוזט אויפדעקן זייער אייגנטימלעכן טיף-פאַרעטערישן ציל): אויסראָטן, פאַרניכטן, צעשטערן די קולטור — כלומרשט, אין נאָמען פון גאָט-ראַל, פון הויכע הימל-אידעאַלן —; און אַלץ באַקערן, און נידערן, מיט אַלץ צוזאַמען — אין פינצטער־כאַאָטישן כאַאָס פון אומקום...

און ווי עס זאָגט ערגעץ היפּאָליט טען, אין זיין „פילאָזאָפיע פון קונסט": אַז אויב מע וויל פאַרשטיין: וואָס די אינוואַזיע פון די באַר־באַרן האָט געטון צו דער קולטור, — דאַן זאָל מען זיך פּרוּוון אויסמאָלן: אַ אינוואַזיע פון טויזנטער בופל־אָקסן — אין דעם לואָווער־מוזעום...

אָדער — און דאָס זאָג איך שוין —: אַ אינוואַזיע פון יונגע אומדערצויגענע צעלאָזענע קינדער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן, אויף הפקר בושעווען — אין אַ קונסט-מוזיי: פול מיט גוואַלדיקע אוצרות, ברי־ליאַנטן, מאָלערייען; צו וועלכע — קולטורעל-גענומען — דאָס בלינדע און ווילדע קינד האָט נאָך נישט קיין שום שייכות. נישט עס קאָן אָנייגע־נען די קולטור־ווערטן; נישט עס ווייסט זייער באַטייט...... במילא, זענען זיי נישט — איינס פאַר דאָס אַנדערע. במילא, געהערן זיי זיך גאָרנישט אָן צווישן זיך (דערוויילע); און עס איז, דארום, אַ פאַרברעכן און אַ שווערער אומפאַרציילעכער אַטענטאַט אויף דעם מענטשנס קולטור: ווען מע גייט און מע פאַרט צונויף — אין נאָמען, כלומרשט, פון העכערע נאָבעלע אידעאַלן; אָבער, אין דער ווירקלעכקייט, אָן דער מינדסטער געהעריקער צוגרייטונג — איינס, מיט דאָס אַנדערע...

•

איטלעכער — אויף זיין אָרט! — דאָס איז דאָס גרויסע מאָראַלישע געזעץ פון דער סאָציאַלער מענטשהייט — אין דער סאָציאַל־אוניווערסאַ־

לער שול פון דעם לעבן: וואו די אוניווערסאַלע קולטור איז צוטריטלעך פאַר יעדן, אמת; אָבער: פאַר יעדן — וו אָ ס ב א נ עמ ט ז י; וואָס דערגרייכט זי; וואָס איז מסוגל, אינטעלעקטועל, זי אָנצואייגענען.

אַט אין ד ע ר ריכטונג — זי צו מאַכן פאַר יעדן א יי ג ן — דאַרף עס צילן די עכטע סאָציאַל-מאָראַלישע אינטעלעקטועלע פעלקער-דעמאָקראַטיע — מיט דערמיט, וואָס זי האָט גענומען און איינגעשטעלט די פעלקער-יעראַרכיע פון דער מענטשהייט, געטיילט אַף העכערע און ני־דעריקע פעלקער, און די נידעריקע געשטעלט, דערהוייל, באַ דער שקלאַפע-רישער אַרבעט, צו דינסט דער העכערער טייל פון דער מענטשהייט.

אַט אַזוי דאַרף עס פאַרשטאַנען ווערן דאָס פּראָבלעם; און אַט ד ע ר הוב דאַרף עס ווערן דערפילט. עס מיינט: אַז די אַרבעט אין דער סאָציאַ־לער שול פון דער מענטשהייט דאַרף זיין פאַר די קינדער־פעלקער (פּונקט ווי פאַר אַ קינד אין אַ שול, בכלל) — אַ דערציעריש. עס הייסט: אַזעל־כע, וועלכע זאָל העלפן דעם אָפּגעשטאַנענעם פאָלק (אין וועמען דער אינ־טעלעקט דרעמלט נ אָ ר, אָבער ער לעבט דאָך אין אים פ אָ ר ט, —): צו דערוואַכן; צו אויפלעבן; צו ווערן מסוגל אָנצואייגענען סאָציאַלע קול־טור; צו אויפדעקן, נעמען שעצן און אָנייגענען די אייגענע אינטעלעק־טועלע כוחות אין זיך. מיט איין וואָרט: צו ווערן האַר איבער זיך; און, במילא, (באַגלייך מיט אַלע איבעריקע טיילן פון דער סאָציאַלער מענטש־הייט,) — גיין ווערן האַר איבער דער וועלט, איבער דער נאַטור, איבערן לעבן...

אַזוי לערנט דאָס אויטענטישע מאָראַלישע געבאָט פון דער עכטער אוניווערסאַל־אינטעלעקטועלער פעלקער־דעמאָקראַטיע פון דער מענטש־הייט; דאָס אויטענטישע מאָראַלישע געבאָט פון יענע העכערע קולטור-פעלקער, וועלכע האָבן זייערע הויכע קולטור־דערגרייכונגען דערהאַלטן אַף דער געהעריקער הויך, באַ דער גינגאָלד-אומבאַשפּרענקלטער קולטור־זוי־בערקייט פון דער מאָראַל; און נישט געלאָזט ז י ך פאַרשלעפּן קיינ־מאָל — נישט געקוקט אַף די שרעקלעך־דראָענדע געפאַרן, אַ ף ד י ה ו י כ ן , — פון דער געפּערלעכער שווינדל-מאַניע: אַראָפּצוזינקען אין די אומפאַרמיידלעך־פאַר-דעם־געפּלעפטן-געמיט־זיך־שפּרייטנדע ענדלאָזע אָפּגרונטן פון פינצטער-קאַכיקן באַטיש־זומפּיקן אימפּולס...

אַט דער פינצטערער אימפּולס: וועלכער באַגלייט — אומפאַרמייד־לעך, פוס-טריט, ווי דער פאַטום, ווי דער שיקזאַל — אַזוי, ד ע ם י ח י ד , אַזוי, ד ע ם צ י ב ו ר ; אַזוי — ד י פ ע ל ק ע ר, אַזוי — ד י מ ע נ ט ש ה יי ט ; און מאַנט, פינצטער־פאַרבים — דאָס זייניקע; און בלייבט — ווי דער שונא — קיינמאָל נישט צופרידן מיט אַלץ, וויפל מע וואַרפט אים נישט צ ו ; גייערט, ער וויל אַ ל ץ

פאר זיך; און ער ברומט, און ער וואָיעט, און ער לויערט, באַטאָג און באַנאַכט, אַף זיין שעה, אויסצוטשאַטעווען זיין רגע: אַז ער זאָל קענען אונטערקומען; דערלאַנגען זיין אַלצעשמעטערנדן פאַטאַלן קלאַפּ; איינוואַלגערן די גאַנצע אוניווערסאַלע קולטור מיטאַנאַנדער; לאָזן אויספּלייצן איבער אַלץ — די פייער־פאַרצערנדע לאַווע פון בראַנד־אומקום, פון כאַאָס...

אַזוי לויערט ער, דער שונא דער אימפּולס: אינערהאַלב דעם תּפיסה־פאָרום, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט פאַר אים דער איינצלנער אינטעלעקטועל־רייפער מענטש, און ער רייצט אים צום קאַמף מיט זיין מיטמענטש...... אַזוי לויערט ער: אינערהאַלב דעם תּפיסה־פאָרום, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט פאַר אים אַ רייף־אינטעלעקטועל־דערוואַכטער קלאַס, און ער רייצט אים צום קאַמף מיט אַ צווייטן קלאַס; ((דער מאָדערנער קלאַסן־קאַמף: ווען דער באַמיטלטער, אין פלוג — ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר קלאַס, אָבער אַ באַהערשטער פון זיין קלאַסן־אימפּולס, — וויל נישט נאָכגעבן די סאָציאַל־מאָראַלישע רעכט פון עקספּלואַטירטן קלאַס; הגם יענער איז שוין, אַ י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל — אַדאַנק דער טעכניש־קאָמפּליצירטער פּראָדוקציע — באַלד אַזוי הויך, (עס הייסט, מסוגל און, במילא, באַרעכטיקט אָנצואייגענען קולטור,) אַקוראַט ווי דער קלאַס דער באַמעבטיקטער.))...... און אַזוי לויערט ער, דער שונא דער אימפּולס: אינערהאַלב דעם תּפיסה־פאָרום, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט פאַר אים אַ רייף־אינטעלעקטועל־דערוואַכט פאָלק; און ער רייצט דאָס גאַנצע פאָלק, אַלס אַזעלכס, (עס הייסט — אַ באַהערשטס פון דעם פאָלקס־אימפּולס...) צו מלחמה מיט אַ צווייט פאָלק; צי, בכלל, מיט דער מענטשהייט...... און אַזוי לויערט ער: אינערהאַלב אַ יעראַרכיע־פאַרייניקטער פעלקער־גרופּע פון העכערע און נידעריקע פעלקער; און ער רייצט די העכערע קולטור־פעלקער, וועלכע פירן די דאָזיקע פעלקער־גרופּע, די פעלקער־אימפּעריע: אַז זיי זאָלן נישט דערפילן זייער קולטור־היסטאָרישע מיסיע, זייער סאָציאַל־מאָראַלישע פליכט — לגבי די נידעריקערע פעלקער פון דער אימפּעריע: זיי צו לערנען אין דער סאָציאַל־מאָראַלישער פעלקער־שול פון דער אימפּעריע; זיי צו טרייבן צו דערהויבונג, צו דערוואַכונג פון אינטעלעקט, צו קולטור־אָנייגעניש, צו קולטור־דעראָבערונג! ניין. ער, דער אימפּולס, רייצט יענע העכערע קולטור־פעלקער: אַז זיי זאָלן נישט דערלאָזן דערצו, באַיןאופן; גייערט, פאַרקערט: אַז זיי זאָלן גראָד קעמפן פאַרביסן דערפאַר (כלומרשט, אונטערן אויסרייד פון אַ אייגענער העכערער קולטור־סאָציאַלער — און פאַקטיש, אין־זיך־ענגהאַרציק־הערמעטיש־אייזגעשלאָסענער אַ נ ט י ס אָ צ י אַ ל ע ר — מאָראַל): אַז די אימפּולסיוו־אָפּגעשטאַנענע פעלקער (סיי — פון דער אייגענער אימפּעריע; ווי בכלל, אַף דער פעל־

קער־יעראַרכיע פון דער מענטשהייט,) זאָלן פאַרבלייבן: פינצטער־אָפּגע־שטאַנען־אימפּולסיוו; אין ברוטאַלער „באַרעכטיקטער" שקלאַפעריי — צו זיי, די העכערע; כדי אַז זיי — די העכערע קולטור־האַרן פון דער סאָ־ציאַלער מאָראַל — זאָלן, פריי־זאָרגלאָז, קענען זיך־אָפּגעבן „צו די העכערע זאָרגן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט..."

•

גאָר אַזוי, און נישט אַנדערש, קאָן דערקלערט ווערן די פּירעכץ פון אַ בריטישער אימפּעריע; (:אַ פּירונג, וועלכע בלייבט, אין דער הינ־זיכט — אומגעענדערט, אַפילו ווען עס שטייט באַ דער מאַכט די לאַבאָ־ריסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי;) סיי אין איר אינערלעכער קאָלאָניאַלער פעלקער־פּאָליטיק, עס הייסט: אין דער באַציונג פון די קולטור־אינטעלעק־טועל־העכערע אַנגלאָ־זאַקסן — צו די אַנדערע קולטור־נידעריקערע פעל־קער, וואָס בילדן די אימפּעריע: וועלכע שקלאַפן, פּאַקטיש, פאַר די בריטן; און צו וועמען די בריטן לאָזן קיינמאָל נישט־צו קיין קולטור, קיין ליכט, קיין דערהויבונג: אום זיי זאָלן בלייבן פינצטער, רוי, קולטור־לאָז, עס הייסט, אומפּעאיק, און, במילא — מאָראַליש־סאָציאַל, „אומבאַרעכטיקט" — אַף עטוואָס העכערס דערפון..., — (איז, אין דער הינזיכט, פילט זיך אַפילו דער בריטישער קולטורעל־העכערער פּראָלעטאַריער סאָציאַל־מאָראַליש־„באַ־רעכטיקטער" אַף אַנצואייגענען וועלט־וואָוילזיין — איידער ווי דער פּראָלעטאַריער פון וועלכעס אַנדער קולטור־נידעריקער פאָלק, פון דער זעלבער אימפּעריע; און, במילאָ, דאַרף דער אַנדערער פּראָלעטאַריער, לאָ־גיש־קולטור־מאָראַליש, שקלאַפן — פאַר איִם...), — סיי אין איר אויסערן־פּאָליטיק, עס הייסט, אין איר באַציונג — אַלס זייער־הויך קול־טור־פאָלק, אַפן לייטער פון דער פעלקער־יעראַרכיע פון דער מענטשהייט — צו די איבעריקע פעלקער פון דער מענטשהייט, אין אַלגעמיין...: אַט דאָס נישט האַלטן קיין וואָרט צו קיינעם; מאַכן — בעת אַ גרייסלעכער גע־פאַר פאַר דער אימפּעריע (, און ווי מיר האָבן דאָס געזען — באַזונדערס־בולט, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה,) — פייערלעכע הבטחות צו דער גאַנצער וועלט: צו נ. אַמעריקאַנער, צו פראַנצויזן, (טשורטשילס נידער־טרעכטיקע פאַרברעכערישע אַוואַנטורע: „צו פאַרוואַנדלען פראַנקרייך — אין אַ טייל פון דער בריטישער נאַציע...") צו רוסן, אַפילו צו די פאַר־האַסטע אידן, (אין דער זעלבער צייט, נאַטירלעך — צו די שונאים פון די אידן, צו די אַראַבער...); און — גלייך נאָכדעם, ווי די געפאַר איז אַרי־בער, — זיך עפנטלעך אויסלאַכן, אימפּולסיוו־ציניש־ברוטאַל, פון אָט די אַלע פייערלעכע הבטחות צוזאַמענגענומען; געבן אָנצוהערן — אויס דעם אייגענעם הויכן קולטור־פּיעדעסטאַל — צו די נ. אַמעריקאַנער: אַז זיי

זענען — נעכטיקע ענגלישע שקלאַפן־פּלעבעיער, וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט און אַרויס אַף הפקר; צו די רוסן: אַז זיי זענען — בלויז קאַנאָנען־פלייש; און צו די אידן: אַז זיי זענען — פאַרשאָלטענע נישטיקע ציגיינער...

נאָר אַזוי — דאָס הייסט: אַדאַנק דעם אַנטיסאָציאַל־אימפּולס׳ דורכברוך פון דעם דינעם אינטעלעקטועלן געאָלאָגיע־שיכט און אַרויס אַף הפקר — קאָן דערקלערט ווערן די גרייליכע סתירה: וויאַזוי ענגלישע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט די מעכטיקע שטיצע פון אַרבעטנדן פאָלק, בויעט, פון איין זייט, סאָציאַליזם — די העכסטע רעאַלע וויזיע פון דער סאָציאַל־אינטעלעקטועלער מאָראַל פון דער מענטשהייט, — און, אין דער זעלבער צייט, זאָל זי פירן אַזאַ פאַרצווייפלטן, אַזאַ פינצטער־פאַרביסענעם קרייצצוג קעגן אַ אַנדערער הויך־קולטורעלער פעלקער־גרופּע — קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס געשעעט דערפאַר: ווייל דאָס גרויסע וואונדער פון דער מענטשהייט, ווייל די גרויסע ערבות פאַר דער סאָציאַלער מענטשהייט, ווייל דער גרויסער, ווייל דער איינציקער וועגווייזער פאַר די פעלקער, דער ליכטיק־אינטעלעקטועלער נס, דאָס אינטעלעקטועל־סאָציאַלע ליכט — אין דער פינצטער־צעבושעוועטער אימפּולסיווער נאַכט פון דער היינטיקער צייט, איז — דער איינציקער, דער אַלמעכטיקער ראַטנפאַרבאַנד!

דער ראַטנפאַרבאַנד, און ענגלאַנד — צוויי מעכטיקע פעלקער־גרופּעס, אין אַוואַנגאַרד פון דער סאָציאַלער מענטשהייט. און דאָך: בעת די צווייטע איז — די שרעק און זאָרג פון דער סאָציאַלער מענטשהייט, — איז דער ערשטער, דער ראַטנפאַרבאַנד — די איינציקע טרייסט און האָפענונג פאַר דער סאָציאַלער מענטשהייט!

דערפאַר, אַזאַ פינצטער־פאַרביסענער אימפּולסיווער האַס: פון דער הויך־פאַרפירטער ענגלאַנד — צום יונגן אויפגייענדן ראַטנפאַרבאַנד!

דערפאַר: ווייל דער ראַטנפאַרבאַנד האָט, ווי געזאָגט, באַוויזן דאָס וואונדער; און, אַף דער פעלקער־יעראַרכיע פון דער מענטשהייט, האָט ער — אַזוי ווי דאָס געניאַלע קינד, אין דער שול — אָנגעיאָגט און אַריבערגעיאָגט אַלע עלטערע קולטור־פעלקער, פאַר אים; און, ווי דער ליכט־טורעם — זיך געשטעלט בראש פון דער מענטשהייט; אום איר צו לערנען באַניים, מיט זיין פירונג: נישט צו פאַרצווייפלען; צו גלויבן שטאַרק און יונג — אין דער עכטער אויטענטישער ערלעכער וועלט־דעמאָקראַטיע; וועלכע איז סאָציאַל־אינטעלעקטועל־מאָראַליש גערעכט — צו אַלע פעלקער אונטער דער זון; צו אַלע מענטשן־קינדער אַף דער וועלט, אָן־אויסנאַם.

ער, דער ראַטנפאַרבאַנד, איז דער לערער און דער ביישפּיל פאַר דער

סאָציאַלער מענטשהייט: אַזוי — מיט זיין אינערלעכער, במילא — מיט זיין אויסערן-פּאָליטיק.

מ ב פ נ י ם , אינערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד גופא: אַזוי ווי אין אַ ריזיקער פעלקער-שול — הערשט, אמת, אַ פעלקער-יעראַרכיע פון גרויס און קליין, פאַר הויך און נידעריק. איטלעכער — אויף זיין פּלאַץ: צום גע-נוס, און צו דער פּליכט.... אָבער, קיינער שטייט נישט אויף זיין אָרט — פאַרגליווערט; דאָס מיינט, פאַרשקלאַפּט. איטלעכער, אין זיין גראַד — יעדער יחיד, איטלעך פאָלק — לערנט, שטודירט, ווערט געטריבן אין פאָרויס: צו דערוואַכן — קולטורעל-אינטעלעקטועל-סאָציאַל; צו שטייגן פון גראַד צו גראַד, אין דער שול פונעם לעבן; צו גיין העכער, פון שטאַפּל צו שטאַפּל; צו שלאָגן און צוימען אין זיך דעם אימפּולס, און צו לאָזן אויפגיין אין זיך דאָס גרויסע סאָציאַלע ליכט פון אינטעלעקט — אום צו קענען אָנייגענען, אומגעשטערט, די העכסטע קולטור-אוצרות פון דער וועלט; אום צו קענען אויפפּלאַטערן און אויפראַשן די העכסטע, די אומ-געריכטסטע, די וואונדערפולסטע, די העלסטע און די מיסטעריעזסטע קאָלירפולסטע וואָר-האָריזאָנטן — פון מענטש-קאָסמאָס, פון מענטש-אוניוועריס!

ד ע ר פ א ר , זענען אַזוי גרויס זיינע רעכט, פון דעם ראַטנפאַר-באַנד; ז יי נ ע רעכט — ד יי נ ע רעכט: מענטש פרייהייטס-דורשטי-קער — אומעטום, וואו דו געפינסט זיך.

ד ע ר פ א ר , זענען נישט פאַראַן קיינע גרעניצן און קיינע צוי-מען פאַר זיינע פרייהייטן און פאַר זיינע איינפלוס-ספערן, פון דעם ראַטנפאַרבאַנד; וועלכער איז, אין זיין גאַנצן גרויסן געגומען — דער ליכטיקער מאַרך-אינטעלעקט, דער זוניקער קאָפּ — פאַר דעם צום-לעבן-דערוואַכטן פעלקער-וועזן פון דער גאַנצער סאָציאַלער מענטשהייט, אָן אויסנאַם.

ד ע ר פ א ר , דאַרף און עס געהער צו אים — די צוקונפט: די מענטשהייט, מיט אַלע אירע טיילן. ווי די גלידער פון אַ יונגן קרעפטיקן אָרגאַניזם; וועלכע קענען לעבן — זעלבסטשטענדיק-געזונט-אין וואוקס, נאָר דאַן, — בעת זיי געהערן — אומאָפּטיילבאַר, אומרעזערווירט — צום גאַנצן אָרגאַניזם.

ד ע ר פ אַר , איז — ווי געזאָגט — די צוקונפט מיט אים, דאָס לעבן מיט אים, דאָס ליכט מ י ט א י ם — מ י ט ד י ר , אוני-ווערסאַלער מענטש פון דער פרייהייט!

ד ע ר פ א ר — מענטש-פריינט, מענטש-פרייער, מענטש-ליכטי-קער, מענטש-גלויביקער; אַ, מענטש-אַלין, וואָס דו ביסט; מענטש-מעכ-טיקער, מענטש-קעמפנדער, מענטש-שאַלנדער, מענטש פריידיקער;

מענטש, אָפּטימיסט אין דיין פּאַרמעסט; מענטש אומשטערבלעכער פּע־
ניקס, וואָס דו ביסט; מענטש פון אַלע אייביקייטן, וואָס דו ביסט!

קום, לאָמיר שפּילעווודיק נעמען דאָס קאָסמישע ליכט פון אוני־
ווערס, פון דער אומענדלעכער סאָציאַל-אינטעלעקטועלער מאָראַליש-אוּ־
ניווערסאַלער מענטשהייט; און עס אָנטון — אַ ק ר ו י ן, אַפן קאָפּ
פון אונזער גליק און האָפענונג — דעם ראַטנפאַרבאַנד!

בוענאָס איירעס, י. 1947.